בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט הַכָּרַת הַטוֹב, זָאל אִיךְ אָפְּלָאזְן מְלַמְדוּת?......א

פַארְוָואס הָאבְּן מַיינֶע חֲבֵרִים נִישְׁט מִיטְגֶעהַאלְטְן מַיין שִׂמְחָה?..................ג

וָואס מֶעג מֶען קוֹיפְן מִיט דִי גֶעלְט פוּן הֲפָצָה?..................................ה

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין וַוייבּ..................................................א

טוּ גוּטְס וֶועט דִי שְׁלֶעכְטְס אַוֶועקְגֵיין...........................................ב

דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים זָאל זַיין בַּיי דִיר אוֹיךְ הֵיילִיג..............................ה

אַז אַ אִיד בְּרֶענְגְט אַ קְלֵיינִיקֵייט; עֶר בְּרֶענְגְט זַיין הַארְץ, אִיז מֶען אִים מוֹחֵל
אַלֶע עֲבֵירוֹת..........................................................................ז

אֵיין טָאג אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז מֶער וִוי אַסַאךְ יָארְן אוֹיף דֶער עֶלְטֶער.......ט

הֶעלְף דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען אַבִּיסְל אַרוֹיסְגֵיין זִיךְ מְחַזֵק זַיין...................ט

גֵיין צוּ דִי עֶלְטֶערְן אוֹיף פֶּסַח..................................................י

וִוי אַזוֹי פֶּסַח'דִיג צוּ מַאכְן.......................................................יא

בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז חָשׁוּב אַ פְּרוֹי וָואס הֶעלְפְט אִיר מַאן.........................יא

אֵיידֶער דוּ הֵייבְּסְט אָן פָארְן, גֶעבּ אַ פְּרוּטָה פַאר צְדָקָה..........................יב

אַכְטוּנְג גֶעבְּן פַאר וֶועמֶען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה........................................יג

קוּק נִישְׁט צוּרִיק אוֹיף נֶעכְטְן, דוּ קֶענְסְט נָאכְאַלְץ פַארְרֶעכְטְן.......................יד

זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן..........................טו

רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ ........................ טז

וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם טָאג פּוּרִים........................ טז

דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה, דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה אִיז גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס........יח

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן הַצְלָחָה מִיט אַלֶע תַּלְמִידוֹת ........................ כא

אוֹיפְשְׁטֶעלְן תַּלְמִידִים וָואס וֶועלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן........................כב

מִיר זָאלְן הָאבְּן דִי זְכִיָ׳ וַוייטֶער צוּ טוּן פַאְר׳ן רֶבִּי׳ן ........................כב

מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן אוּנְזֶער גַאנְץ לֶעבְּן בַּיים רֶבִּי׳ן אִין זַאק ........................ כג

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאְר׳ן מִיר הֶעלְפְּן אִין חֵדֶר........................ כג

טוּן פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן אוּנְזֶער גַאנְץ לֶעבְּן ........................כד

פַאְרשְׁפְּרֵייטְן דִי אֱמוּנָה, דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט ..........כד

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאְר׳ן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן אַזוֹי גֶעטְרֵיי מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער..............כה

מִיר זָאלְן הָאבְּן דִי זְכִיָ׳ צוּ זַיין אַ שַׁמָשׁ בַּיים רֶבִּי׳ן ........................כה

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאְר׳ן הֶעלְפְּן צָאלְן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט מִיט אַזַא גֶעטְרֵיישַׁאפְט..כו

הָאבְּן דִי זְכִיָ׳ וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן........................כו

סַיי אָרוּר הָמָן סַיי בָּרוּךְ מָרְדְכַי, אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער........................כז

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאְר׳ן זַיין אַזַא גֶעטְרֵייעֶר מְלַמֵד........................כז

מִיר זָאלְן הָאבְּן דִי זְכִיָ׳ אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער........................כח

גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, אִיר וֶועט הָאבְּן אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער ........................כח

דוּ קֶענְסְט רוּאִיג נֶעמֶען דִי וַואקְסִין ........................ כט

דָאס אִיז דֶער לִימוּד פוּן רֶבִּי׳ן, מֶען קֶען אַלְץ אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי ............ל

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרֵיילִיכֶער פּוּרִים, אוּן מֶען גְרֵייט זִיךְ אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח ........................ לא

דֶער שְׁטֶעטְל וֶועט זִיךְ בּוֹיעֶן אוֹיבּ אִיר וֶועט טְרַאכְטְן אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן לג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט הַכָּרַת הַטּוֹב, זָאל אִיךְ אָפְּלָאזְן מְלַמְּדוּת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד בַּיי דִי קְלֶענְסְטֶע כִּתָּה, וָואס זֵיי וֶוערְן דְרֵיי יָאר; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ לֵייג אַרַיין דִי גַאנְצֶע הַארְץ אוּן נְשָׁמָה אִין דִי קִינְדֶער, זֵיי צוּ גֶעבְּן אַ גֶעשְׁמַאק אִין תּוֹרָה, תְּפִלָּה, צִיצִית, קַאפְּל אוּן פֵּיאוֹת.

דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּן מִיר אַזוֹיפִיל צוּ, בִּפְרַט אִיבֶּער דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַ מְלַמֵּד; אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ פִיר זִיךְ אַזוֹי אוּן דִי פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ אַרְבֶּעט דָא נִישְׁט וֶועגְן גֶעלְט אוּן נִישְׁט פַאר דִי גֶעהַאלְט, אִיךְ קֶען טוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן פוּן וָואס מֶען פַארְדִינְט פִיל מֶער, נָאר צוּ זֶען מַיינֶע פֵּירוֹת פַאר דִי אוֹיגְן.

אָבֶּער יֶעצְט פּוּרִים וֶוען עֶס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט פוּן דִי עֶלְטֶערְן צוּ גֶעבְּן דִי הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר'ן מְלַמֵּד בַּיי דִי מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, זֶעעֶנְדִיג ווִי דִי עֶלְטֶערְן שֶׁעצְן כִּמְעַט נִישְׁט; זֵיי שִׁיקְן נַארִישֶׁע זַאכְן, מִיט שְׁוַואכֶע פִּדְיוֹנוֹת, אָן אַ גוּט וָוארְט, נָאר גֶע'יַרְשְׁנְ'ט פוּן אַנְדֶערֶע.

אַנְדֶערֶע זָאגְן אַז בַּיי אַ גְרֶעסֶערֶע כִּתָּה בַּאקוּמְט מֶען מֶער, אָדֶער אַז עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעלְט, אָדֶער מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעבְּן גֶעפִילְן.

אוֹיבּ אַזוֹי טְרַאכְט אִיךְ צוּ פַארְלָאזְן דֶעם פְּלַאץ צוּם נֵייעֶם זְמַן; כָאטְשׁ וָואס אִיךְ ווֵייס אַז דֶער לָאךְ וֶועט זַיין גְרוֹיס, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט אַרַיינְלֵייגְן אַזוֹיפִיל אִין דִי קִינְדֶער. נָאר

פַאר די לֶעצְטֶע הַחְלָטָה הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט הֶערְן פוּן אַייךְ צִי אִיךְ זָאל עֶס טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, שׁוּשַׁן פּוּרִים, ט״ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוער עֶס אַרְבֶּעט מִיט אַ רַבִּים, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַ מְלַמֵּד וְכַדוֹמֶה - אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ וִויסְן אַז מֶען אַרְבֶּעט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אַרְבֶּעט נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ. אַז מֶען וֵוייסְט אַז מֶען אַרְבֶּעט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעמָאלְט הָאט מֶען הֲנָאָה פוּן דִי אַרְבֶּעט, אַנְדֶערְשׁ אִיז וֶוען מֶען מֵיינְט אַז מֶען אַרְבֶּעט פַאר דֶעם אוּן פַאר יֶענֶעם, דֶעמָאלְט וֶוען מֶען זֶעט ווִי מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ, מֶען אִיז נִישְׁט מַכִּיר טוֹבָה וְכוּ׳ - בַּאקוּמְט מֶען חֲלִישׁוּת הַדַּעַת.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אַז עֶס אִיז אַרִיבֶּער דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים אוּן דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן דִיר נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קֵיין גֶעלְט; קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם, דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען בַּאצָאלְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת פוּן דַיינֶע תַּלְמִידִים - דָאס זָאל זַיין דַיין צִיל, אָךְ אוּן וֵויי פַאר מְלַמְּדִים וָואס אַרְבֶּעטְן צוּ בַּאקוּמֶען גֶעלְט וְכוּ׳, עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין גֶעלְט אִין דִי וֶועלְט וָואס קֶען בַּאצָאלְן מְלַמְּדִים אוּן מְחַנְּכִים וָואס לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל יב, ג): וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד - ״אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִינוֹקוֹת״, אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט; מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט דָאס זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר זַיין, אַז פּוּנְקְט ווִי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט, אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן וִויפִיל זְכוּתִים אַ מְלַמֵּד הָאט, ווַייל עֶר פְלַאנְצְט אַיין אִין דִי קִינְדֶער תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דוּ בִּיסְט מַצְלִיחַ מִיט דִי קִינְדֶער זָאלְסְטוּ אַוַדַאי וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין

מִיט דִי אַרְבֶּעט; קְלַאפּ אַרוֹיס דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת פוּן אָפְּלָאזְן, דַיין גַאנְץ לֶעבְּן זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן מְלַמֵד.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵין מְגִילָה יג ע"ב; פִּרְקֵי דְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר פֶּרֶק נ) אַז מָרְדְכַי הַצַדִיק אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי גְרֶעסְטֶע אִין דִי סַנְהֶדְרִין; מִיט דֶעם אַלֶעם וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי גְזֵירָה פוּן הָמָן אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צַאמְנֶעמֶען טוֹיזְנְטֶער קִינְדֶער, עֶר הָאט מִיט זֵיי גֶעדַאוֶונְט אוּן אַזוֹי מְבַטֵל גֶעוֶוען דִי גְזֵירָה (אֶסְתֵּר רַבָּה ט, ד); עֶס הָאט אִים גֶעפַּאסְט, אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי רָאשֵׁי סַנְהֶדְרִין - צוּ נֶעמֶען קִינְדֶער, צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט קִינְדֶער - לֶערְנֶען מִיט זֵיי אוּן אַזוֹי מְבַטֵל גֶעוֶוען דִי גְזֵירָה. דַארְפְן מִיר דָאךְ זִיכֶער דָאס טוּן, בִּפְרַט וֶוער עֶס הָאט דִי כֹּחַ אוּן הַשְׁפָּעָה אוֹיף קִינְדֶער, צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט קִינְדֶער - אוּן אַזוֹי בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס הָאבְּן מַיינֶע חֲבֵרִים נִישְׁט מִיטְגֶעהַאלְטְן מַיין שִׂמְחָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ מִיר, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען דִי פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ צוּ אַ נַייעֶ לִיכְטִיגֶע מֵיידֶעלֶע.

אִיךְ הָאבּ גֶעלַאדֶענְט אַ פֶערְצִיג פוּפְצִיג מֶענְטְשְׁן צוּם קִידוּשׁ דֶעם שַׁבָּת, אָבֶּער קֵיינֶער נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען, צוּם סוֹף זֶענֶען קוּים צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אָנְגֶעקוּמֶען צוּם קִידוּשׁ, אוּן דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וויי.

אִיךְ הַאלְט זִיךְ פַאר אַ תַּלְמִיד פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ דַאוֶוען אִין אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אָבֶּער דֶער עוֹלָם פוּן דָארְט אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען. מַיין בַּעַל הַבַּיִת אִין דִי אַרְבֶּעט אוּן מַיינֶע קָאלֶעגֶעס בַּיי דִי אַרְבֶּעט, זֶענֶען אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער מַיינֶע אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים זֶענֶען אוֹיךְ נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען.

אִיךְ פְּרוּבִיר זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין, אָבֶּער עֶס טוּט מִיר בֶּאֱמֶת זֵייעֶר וויי; אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וֶועלְן מִיטְהַאלְטְן מַיין שִׂמְחָה אוּן דֶערְוַויילּ זֶע אִיךְ אַז קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט פוּן מִיר. ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, שׁוּשַׁן פּוּרִים, ט"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַזָל טוֹב פַאר דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט מְגַדֵל זַיין דַיינֶע קִינְדֶער לְתוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים.

עֶס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט קַיין שֵׁיינֶע זַאךְ אַז דַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דַיין שִׂמְחָה, בִּפְרַט וֶוען עֶס רֶעדְט זִיךְ פוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְפְסְטוּ זֵיי דָן זַיין לְכַף זְכוּת. דִי וָואךְ שַׁבָּת זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען זֵייעֶר אָפְּגֶעמַאטֶערְט, מֶען אִיז אַרַיין אִין שַׁבָּת מִתּוֹךְ שִׁכְּרוּת; וֶוען עֶרֶב שַׁבָּת פַּאלְט אוּם פּוּרִים אַזוֹי ווִי דִי יָאר זֶענֶען כִּמְעַט אַלֶע אוֹנְסִים, מֶען אִיז פַארְנוּמֶען אַ גַאנְץ פּוּרִים מִיט מִצְוֹת הַיוֹם אוּן וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת זֶענֶען אַלֶע זֵייעֶר אָפְּגֶעמַאטֶערְט, מֶען הָאט נִישְׁט דִי כֹּחוֹת צוּ גֵיין אוּן קוּמֶען; אִיךְ בִּין זִיכֶער וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעמַאכְט אַ שִׂמְחָה אִין אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע שַׁבָּת וָואלְטְן אַלֶע גֶעקוּמֶען זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דַיין שִׂמְחָה.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין וַוייבּ אִיז גֶעזוּנְט אוּן דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶועןצוּ אַ גֶעזוּנְט קִינְד. חֲבֵרִים אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס דַארְף אִיבֶּערְנֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ וֶוען אַלֶע וָואלְטְן גֶעקוּמֶען זִיךְ בַּאטֵיילִיגְן מִיט דִי שִׂמְחָה אִיז נִישְׁט דָאס דֶער עִיקָר שִׂמְחָה, דֶער עִיקָר שִׂמְחָה אִיז אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ בְּרֶענְגֶען נָאךְ אַ קִינְד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מִיט יֶעדֶע קִינְד וָואס מֶען בְּרֶענְגְט אוֹיף דִי וֶועלְט בְּרֶענְגְט מֶען נֶענְטֶער דִי גְאוּלָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סב.): "אֵין בֶּן דָוִד בָּא עַד שֶׁיִכְלוּ כָּל

הַנְּשָׁמוֹת שֶׁבַּגּוּף", מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶוען אַלֶע נְשָׁמוֹת וֶועלְן אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט.

יָא חֲבֵרִים, נִישְׁט חֲבֵרִים - דָאס אִיז נִישְׁט לֶעבְּן, דָאס גֶעבְּט נִישְׁט צוּ אוּן נֶעמְט נִישְׁט אַוֶועק; אַנְשְׁטָאט וֵויינֶען אוֹיף חֲבֵרִים, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ תְּהִלִּים אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִסִּים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, וֶועסְטוּ זֶען נָאךְ נִסִּים אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס מֶעג מֶען קוֹיפְן מִיט דִי גֶעלְט פוּן הַפָּצָה?

**שְׁאֵלָה:**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן נִיגוּנִים וָואס אִיז אוּנְז זֵייעֶר מְחַזֵּק. מִיר נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאם דָא אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ יֶעדֶע וָואךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן מִיט דִי דִיבּוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ בִּין זוֹכֶה בָּרוּךְ הַשֵּׁם מֵפִיץ צוּ זַיין דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן אוֹיבּ מֶען קֶען נוּצְן דָאס גֶעלְט צוּ קוֹיפְן עֶסְן פַאר אוּנְזֶער חַבוּרָה, אוּן אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען קֶען גֶעבְּן קוּנְטְרֵסִים פַאר אוּמְזִיסְט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, שׁוּשַׁן פּוּרִים, ט"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בֵּית שֶׁמֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווּאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ - אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס מִיר קֶענֶען טוּן וִוי פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן פַאר אַנְדֶערֶע, דָאס אִיז אַ תִּיקוּן פַאר אַלֶע עֲבֵירוֹת. דֶער רֶבִּי

זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּיקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחְזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", עֶס אִיז אַ תִּיקּוּן פַאר פְּגַם הַבְּרִית אַז מֶען זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען דוּ גֵייסְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים זָאלְסְטוּ בֶּעטְן צְדָקָה, גֶעבּ נִישְׁט אוּמְזִיסְט; אַז מֶען גֶעבְּט בְּחִנָּם הָאט דָאס נִישְׁט קַיין חֲשִׁיבוּת, יֶענֶער וֶועט דָאס אַוֶועק וַוארְפְן, עֶר וֶועט מְזַלְזֵל זַיין אִין דֶעם. מִיט דִי גֶעלְט זָאלְסְטוּ קוֹיפְן נָאךְ סְפָרִים, אוֹיךְ קֶענְסְטוּ דָאס נוּצְן פַאר דִי חֲבוּרָה צוּצוּשְׁטֶעלְן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, וָואס עֶס פֶעלְט אוֹיס צוּ מְחַזֵּק זַיין דִי מֵפִיצִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין וַוייבּ

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י״א אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאכְאַמָאל, אִיךְ וֵוייס אוּן אִיךְ גְלֵייבּ אַז דוּרְךְ רֶעדְן אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל וֶועל אִיךְ יָא פּוֹעֵל׳ן. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אִיר; אֵיינֶע פוּן דִי סִימָנִים פוּן אַ אִיד אִיז רַחְמָנוּת, דֶער וָואס הָאט רַחְמָנוּת - דֶער אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד (יְבָמוֹת עט:).

אִיךְ צִיטֶער פַאר דִיר וָואס גֵייט זַיין בַּיים סוֹף; דִי אַלֶע וָואס גֶעוֶועלְטִיגְן אִין שְׁטוּבּ, זֵיי וַוארְפְן אַן אֵימָה וָפַחַד - בַּיים סוֹף וֶוערְן זֵיי אַלֵיינְס פַארְשֶׁעמְט. קֶען זַיין אִין אָנְהֵייבּ, דוּרְכְאוֹיס דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר יָאר - וֶועט דִיר גֶעלוּנְגֶען צוּ לֵייגְן אַ פַּחַד, דוּ וֶועסְט אִיר דֶערְדְרוּקְן אוּן עֶס קֶען דִיר נָאךְ גֶעלוּנְגֶען אַז זִי וֶועט זִיךְ לָאזְן צֶעקְוֶועטְשְׁן, אָבֶּער זֵיי זִיכֶער אַז בַּיים סוֹף קְרַאכְט עֶס, בַּיים סוֹף וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְלִירְן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דִי וֶוערְטֶער מִיט בְּלוּט פוּן מַיין הַארְץ; אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל כֹּחוֹת אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר דִיר, אִיךְ וִויל נִישְׁט עֶס זָאל גֵיין לְטִמְיוֹן, עֶס זָאל גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן. אִיךְ בֶּעט דִיר, רֶעד וֵוייךְ, רֶעד שֵׁיין, אוֹיךְ הֶער אִיר אוֹיס.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אָבֶּער אִיךְ מוּז אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיין שְׁטִיבְּל, מֶען דַארְף דָאס יֶעצְט אָנְגְרֵייטְן פַאר דִי חֲתוּנָה. מַיין שְׁטוּבּ אִיז דֶער יִחוּד שְׁטוּבּ, דֶער שְׁטוּבּ וָואס חָתָן כַּלָּה נוּצְן בַּיי דִי חֲתוּנוֹת.

הַיינְט קוּמְט פָאר דִי אֵיין אוּן צְוָואנְצִיגְסְטֶע חֲתוּנָה; וֶוער הָאט דָאס גֶעקֶענְט גְלֵייבְּן אַז מִיר הַאלְטְן שׁוֹין דָא... אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן אַ וֶועג חֲתוּנָה צוּ מַאכְן אָן קַיין גֶעלְט.

אִיךְ עֶנְדִיג הַיינְט דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת פוּן מַיין זוּן הָרַב אֶלְחָנָן חַיִּים שְׁלִיטָ"א; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דִי גַאנְצֶע חֲתוּנָה מַאכְן פוּן אָנְהֵייבּ, הַכֹּל, בַּכֹּל, מִכֹּל, כֹּל - הָאט מִיר גֶעקָאסְט אַפָּאר טוֹיזְנְט דָאלֶער; עֶס קוּמְט אוֹיס אוֹיף פֶּען אוּן פַּאפִּיר בִּילִיגֶער וִוי הַאלְטְן אַ קִינְד אִין שְׁטוּבּ, אָן קַיין גֶעלֶעכְטֶער. אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעקוֹיפְט קַיין אִיבְּרִיגֶע זַאכְן, נָאר וָואס מֶען דַארְף; עֶר אוּן זַיין כַּלָּה זֶענֶען אַזוֹי צוּפְרִידְן, אַזוֹי דַאנְקְבַּאר.

אִיךְ דַארְף עֶנְדִיגְן, מֶען יָאגְט מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין אָפִיס.

מָארְגְן וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר, אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען.

אִיךְ וֶועל דִי יָאר פּוּרִים נִישְׁט אוֹיפְנֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ; עֶס אִיז שְׁוֶוער פַאר מַיין וַוייבּ אוֹיפְצוּנֶעמֶען וֶוען מֶען דַארְף אָנְגְרֵייטְן דִי שְׁטוּבּ פַאר שַׁבָּת, אִיךְ וֶועל זַיין אִין יְשִׁיבָה פוּן צְוֶועלְף אַזֵייגֶער בִּיז צְוֵויי אַזֵייגֶער, אוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶועלְן מִיר זִיךְ צַאמְקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, עֶס וֶועט זַיין אַ סְעוּדָה אוּן נָאכְדֶעם וֶועלְן מִיר טַאנְצְן, מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֵס אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק, מִיר הָאבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס שְׁרֵייט שׁוֹין פַאר אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר: "לְהוֹדִיעַ שֶׁכָּל קֹוֶיךָ לֹא יֵבֹשׁוּ, וְלֹא יִכָּלְמוּ לָנֶצַח!"

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### טוּ גוּטְס וֶועט דִי שְׁלֶעכְטְס אַוֶועקְגֵיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֵוייל נִישְׁט אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין פַארְפַאלְן, קוּק נִישְׁט אוֹיף דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע

מַעֲשִׂים, אויף דַיינֶע חֲטָאִים עֲוֹונוֹת וּפְשָׁעִים. דו טו גוּטְס; גֵיי דַאוֶונְען, עֶפְן אַ חוּמָּשׁ, אַ מִשְׁנַיוֹת, דוּרְךְ דֶעם וֶועט דִי שְׁלֶעכְטְס אַוֶועקְפַאלְן.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמז), אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, עֶר פַאלְט אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן; הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דו טו גוּטְס, דִי שְׁלֶעכְטְס וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועקְפַאלְן".

דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר: "טוּ גוּטְס וֶועט דִי שְׁלֶעכְטְס אַוֶועקְגֵיין"; גֵיי דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, בְּלַייבּ נִישְׁט אִין שְׁטוּב מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג, גֶענוּג גֶעוֶוען מִיט דִי מָרָה שְׁחוֹרָה, עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט בְּרֶענְגֶען דָאס זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג. שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי אַ הֶעלְד; גֵיי דַאוֶונְען מַעֲרִיב, זוּךְ דִיר אוֹיף אַ מִנְיָן וֶועסְטוּ הֶערְן אַ קַדִּישׁ, אַ בָּרְכוּ - וֶועט דִי שְׁלֶעכְטְס אַוֶועקְגֵיין.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי בָּלָק, רֶמֶז תשעא) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר כד, ו): "כִּנְחָלִים נִטָּיוּ", פּוּנְקְט ווי אַ טַייךְ נֶעמְט אַרָאפּ דִי טוּמְאָה פוּן טָמֵא'נֶע מֶענְטְשְׁן, עֶס מַאכְט זֵיי רֵיין, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען קוּמְט אִין שׁוּל וֶוערְט מֶען רֵיין.

רֶעד שַׁיין אִין שְׁטוּב. אִיךְ בִּין זֵייעֶר אוֹיפְגֶעצִיטֶערְט; ווִי קֶען זַיין תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ זָאלְן וֵויי טוּן אִין שְׁטוּב? ווִי קֶען זַיין מֶען זָאל טְשֶׁעפֶּען?! עֶס מוּז זַיין אַז מֶען אִיז אַלֵיינְס זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט וָואס מֶען טוּט, ווִי קֶען זַיין מֶען זָאל וֵויי טוּן דִי וַוייבּ?! בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען שָׁלוֹם בַּיִת דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ; זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין - דַארְף מֶען רֶעדְן שַׁיין, מֶען דַארְף הַאלְטְן דִי וַוייבּ אַזוֹי טַייעֶר, זִי זָאל שְׁפִּירְן זִיכֶער, זִי זָאל שְׁפִּירְן זִיכֶער מִיטְ'ן מַאן.

אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן צוּ לַאנְג, אִיךְ בִּין אָפְּגֶעמַאטֶערְט; הַיינְט הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת פוּן מַיין זוּן הָרַב אֶלְחָנָן חַיִּים שְׁלִיטָ"א. נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אוֹיף שֶׁבַע בְּרָכוֹת בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א; מַיין זֵיידֶע, דֶער קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב שְׁלִיטָ"א אִיז נִישְׁט אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען צוּם שֶׁבַע בְּרָכוֹת, אָבֶּער מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט מַעֲרִיב, דִי חָתָן מִיט דִי מְחוּתָּנִים אִינָאֵיינֶעם אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ און נָאךְ מַעֲרִיב הָאבְּן מִיר גֶעטַאנְצְן אִינָאֵיינֶעם אַ טֶענְצְל מִיט מַיין

זַיידֶע. הַיינְט אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי חֲתוּנוֹת, בֵּיידֶע חֲתָנִים זֶענֶען חָשׁוּבֶ׳עֶ תַּלְמִידִים.

מָארְגְן נָאכְט וֶועט זַיין דִי וֶועכֶנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר, אִיךְ ווִיל דִיר זָען; לָאמִיר זִיךְ אִינְאֵיינֶעם מְחַזֵק זַיין מִיט דִי זִיסֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים.

אִיךְ וֶועל דִי יָאר נִישְׁט זַיין אִין שְׁטוּב פּוּרִים, עֶס אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער פַּאר מַיין וַוייבּ אַז מֶען פְּרַאוֶועט אִין שְׁטוּב אוּן אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת; אִיךְ וֶועל זַיין אִין יְשִׁיבָה. דַארְפְסְט נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קַיין טֵייעֶרֶע מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, אַ שָׁאד דִי גֶעלְט, אַ שָׁאד דִי אַרְבֶּעט; קֵיינֶער דַארְף עֶס נִישְׁט, קֵיינֶעם אִינְטֶעֶרֶעסִירְט עֶס נִישְׁט, עֶס אִיז מַמָּשׁ בַּל תַּשְׁחִית, בִּכְלַל וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (רַמְבַּ"ם, פֶּרֶק ב׳ מֵהִלְכוֹת מְגִילָה, הֲלָכָה יז) מֶען זָאל עֶנְדֶערְשׁ אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַּאר מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים וִוי פַּאר מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶועלְן מִיר מַאכְן אַ סְעוּדָה אִינְאֵיינֶעם אִין יְשִׁיבָה אוּן טַאנְצְן אוֹיף דֶעם וָואס מִיר וֵוייסְן פוּן מָרְדְכַי הַצַדִיק, מִיר הָאבְּן שַׁייכוּת מִיטְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס שְׁטֵייט אַיין בַּיי מָרְדְכַי.

אֵיינְמָאל אִיז דֶער רֶבִּי׳ס טָאכְטֶער חַיָ׳ גֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב אוֹיף יוֹם טוֹב פּוּרִים מִיט אִיר קְלֵיין קִינְד נַחְמָן; זִי אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אֵיינֶעם מָרְדְכַי. מֶען הָאט דֶערְצֵיילְט פַּאר רֶבִּי נָתָן אַז חַיָ׳ אִיז דָא מִיט אִיר זוּן נַחְמָן אוּן זֵיי שְׁטֵייעֶן אַיין בַּיי מָרְדְכַי, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אַזוֹי אִיז עֶס, פּוּרִים שְׁטֵייט אַיין ׳נַחְמָן׳ בַּיי ׳מָרְדְכַי׳, אוּן פֶּסַח שְׁטֵייט ׳נַחְמָן׳ אַיין בַּיי ׳פֶּסַח׳"; אַזוֹי אִיז יֶעדְן יוֹם טוֹב, אַזוֹי וִוי עֶס קוּמְט יוֹם טוֹב שְׁטֵייט דֶער רֶבִּי אַיין דָארְט.

מֶען וֶועט מוֹדִיעַ זַיין זוּנְטָאג אוֹיבּ עֶס וֶועט זַיין אַ סְעוּדָה פַּארְנַאכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים זָאל זַיין בַּיי דִיר אוֹיךְ הֵיילִיג

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

מָארְגְן נַאכְט לֵיינְט מֶען שׁוֹין דִי מְגִילָה, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָה ד:): "עֵינֵיהֶם שֶׁל עֲנִיִּים נְשׂוּאוֹת בְּמִקְרָא מְגִילָה", דִי אָרֶעמֶעלַייט קוּקְן אַרוֹיס, וֶוען גֵייט מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילָה? זֵיי וַוארְטְן אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים; עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים, אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אוּנְז, מִיר זֶענֶען דָאךְ דִי רִיכְטִיגֶע אָרֶעמֶעלַייט, מִיר זֶענֶען נַאקֶעט פוּן מִצְוֹת, נַאקֶעט פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (נְדָרִים מא.): "אֵין עָנִי אֶלָּא מִן הַדַּעַת", וֶוער אִיז אַן אָרֶעמַאן? דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין דַעַת; דֶער וָואס לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר קוּקְן אַרוֹיס אוֹיף דִי מְגִילָה לֵיינֶען, וַוייל וֶוען מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה קוּמְט אַרָאפּ אַ שְׁטַארְקֶע שֵׂכֶל, מֶען הֵייבְּט אָן כַאפְּן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס זֶעט אוֹיס וִוי טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָּל, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי סְתָּם נַייעֶס אוּן וֶוען מֶען נֶעמְט דָאס צוּזַאמֶען וֶוערְט פוּן דֶעם אַ מְגִלַּת אֶסְתֵּר, וִוי צַדִיקִים טַייטְשְׁן 'מְגִלַּת אֶסְתֵּר' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן 'גִּלּוּי' - אַנְטְפְּלֶעקְן, אַ לָשׁוֹן פוּן אוֹיפְדֶעקְן, 'אֶסְתֵּר' מֵיינְט מֶען בַּאהַאלְטְן, וֶוען מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בַּאהַאלְטְן אִין דִי טֶבַע, אִין דִי וֶועלְט, אַלֶעס אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

פּוּרִים אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע טָאג, דַארְפְסְטוּ זֶען עֶס זָאל זַיין בַּיי דִיר אוֹיךְ הֵיילִיג. דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, עֶס זָאל דִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין; אַז דַיין וַוייבּ וִויל גֵיין צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן - גֵיי צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן, אַז דַיין וַוייבּ וִויל מֶען זָאל מַאכְן אַזוֹי - מַאךְ אַזוֹי, אַז זִי וִויל אַזוֹי - מַאךְ אַזוֹי, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט; שָׁלוֹם אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ, שָׁלוֹם אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען (שַׁבָּת י.), שָׁלוֹם אִיז דֶער כְּלִי צוּ מְקַבֵּל זַיין אַלֶע קְדֻשּׁוֹת, אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת.

אַייעֶר נֶעכְטְן, פַאר אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן דִי שִׁיעוּר פַאר דִי בָּחוּרִים, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זָאל מֶען רֶעדְן?" רוּפְט זִיךְ אָן אֵיינֶער: "מֶען זָאל גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אוֹיסְמֶעקְן דִי אֵייגֶענֶע עֲמָלֵק"; בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס אִיז גֶעוֶוען גוּטֶע דִיבּוּרִים, גוּטֶע הִתְחַזְקוּת; מִיר הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַז דִי עֵצָה אוֹיסְצוּמֶעקְן דִי אֵייגֶענֶע עֲמָלֵק, דִי אֵייגֶענֶע שְׁלֶעכְטְס אִיז נָאר דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת; מֶען זָאל שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיסְמֶעקְן מַיין עֲמָלֵק? הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע, נִישְׁט וֵויי טוּן אַנְדֶערֶע"**; דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען זוֹכֶה אוֹיסְצוּמֶעקְן עֲמָלֵק.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, עֶס אִיז שׁוֹין צַייט אָפְּצוּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן; בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער אִין שְׁטוּבּ, מַאךְ נִישְׁט מְשׁוּגָע יֶעדֶע מִינוּט מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן, אַנְשְׁטָאט אוּנְטֶערְרַייסְן אִיר צְנִיעוּת זָאלְסְטוּ אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער; זַיי נִישְׁט קַארְג אוֹיף גוּטֶע וֶוערְטֶער.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר, קוּם צוּם שִׁיעוּר; גֶעדֶענְק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן, אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, י): "וְהֵם, לֹא יָדְעוּ דְרָכָי"; "וְהֵם", אַז מֶען זִיצְט אִינְדֶערְ׳הֵיים׳, מֶען קוּמְט נִישְׁט צוּם צַדִיק אָדֶער צוּ תַּלְמִידֵי הַצַּדִיק וָואס זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִיק, "לֹא יָדְעוּ דְרָכָי" - וֵוייסְט מֶען נִישְׁט דִי וֶועגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז אַ אִיד בְּרֶענְגְט אַ קְלֵיינִיקַייט; עֶר בְּרֶענְגְט זַיין הַארְץ, אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י"ג אֲדָר, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שְׁנַת תשפ"א**

**לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט נַאכְט אִיז דֶער גְרוֹיסֶער טָאג "יוֹם טוֹב פּוּרִים"; עֶס שְׁטֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר הַפּוּרִים, פֶּרֶק ה) אַז פּוּרִים וֶוערְט נִתְגַּלֶּה זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן, מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָּה א, ד; שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן תרצד, סְעִיף ג): "כָּל הַפּוֹשֵׁט יָד", וֶוער עֶס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס זַיין הַאנְט, עֶר בֶּעט צְדָקָה, "נוֹתְנִים לוֹ", גֶעט מֶען אִים, "וְאֵין מְדַקְדְּקִין בְּמָעוֹת פּוּרִים", מֶען אִיז נִישְׁט מְדַקְדֵק צוּ גֶעבְּן נָאר פַאר דֶעם, נָאר פַאר יֶענֶעם; זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים (עַיֵּין פְּרִי עֵץ חַיִּים שָׁם, פֶּרֶק ו) פּוּרִים אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן גְרוֹיסֶע נִיסִים, זָאל זַיין וֶוער זָאל נָאר זַיין, "כָּל הַפּוֹשֵׁט יָד", וֶוער עֶס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס דִי הַאנְט, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס לִיגְט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "נוֹתְנִים לוֹ", גֶעבְּט מֶען אִים; מֶען גֶעבְּט מַתָּנוֹת פּוּרִים פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

הַיינְט נָאכְמִיטָאג פַאר מִנְחָה זָאלְסְטוּ כַאפְּן אַ מִקְוֶה, מֶען קוּמְט אִין שׁוּל אָנְגֶעטוּן מִיט בִּגְדֵי שַׁבָּת. פַאר מִנְחָה אִיז דֶער מִנְהָג צוּ גֶעבְּן אַ מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, מֶען גֶעבְּט דְרֵיי הַאלְבֶּע דָאלֶער פַאר זִיךְ, פַאר דִי וַוייבּ אוּן פַאר יֶעדְן קִינְד, מִיט דֶעם וֶועט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צְדָקָה, חֵלֶק ב', סִימָן יט): "עַל יְדֵי נְתִינַת שְׁקָלִים נִצּוֹל מִיֵּצֶר הָרָע", דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט דִי מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מְנָחוֹת כט.): "שְׁלֹשָׁה דְּבָרִים הָיוּ קָשִׁים לוֹ לְמֹשֶׁה", דְרֵיי זַאכְן הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעדַארְפְט וַוייזְן וִוי אַזוֹי עֶס זֶעט אוֹיס, דִי מְנוֹרָה,

ראֹשׁ חוֹדֶשׁ אוּן שְׁרָצִים, פְרֶעגְט תּוֹסְפוֹת (דִּבּוּר הַמַּתְחִיל שְׁלֹשָׁה דְבָרִים): "פַּארְוָואס רֶעכְנְט מֶען נִישְׁט אוֹיס דֶעם מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל וָואס עֶס שְׁטֵייט דֶערְבֵּיי 'זֶה יִתְּנוּ', אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעוִויזְן וָואס צוּ גֶעבְּן, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט פַּארְשְׁטַאנֶען וָואס דָאס אִיז?" עֶנְטְפֶערְט דֶער שִׁיטָה מְקֻבֶּצֶת: "דָארְט הָאט משֶׁה רַבֵּינוּ פַּארְשְׁטַאנֶען וְוִי אַזוֹי עֶס זֶעט אוֹיס אַ שֶׁקֶל, נָאר עֶר הָאט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ נִישְׁט פַּארְשְׁטַאנֶען, עֶר הָאט נִישְׁט פַּארְשְׁטַאנֶען וְוִי אַזוֹי קֶען זַיין מֶען גֶעבְּט אַזַא קְלֵיינִיקֵייט, 'דָּבָר מוּעָט יְכַפֵּר עַל עָוֹן', אַ קְלֵיינֶע הַאלְבֶּע דָאלֶער זָאל אָפְּמֶעקְן אַלֶע עֲבֵירוֹת?!" דָאס הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוִויזְן, אַז אַ אִיד בְּרֶענְגְט אַ קְלֵיינִיקֵייט, עֶר בְּרֶענְגְט זַיין הַארְץ - אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת.

נָאךְ מַעֲרִיב לֵיינְט מֶען דִי מְגִילָה; דַיין וַוייבּ דַארְף אוֹיךְ הֶערְן דִי מְגִילָה, זֶע זִי זָאל קֶענֶען קוּמֶען הֶערְן דִי מְגִילָה. אוֹיבּ דוּ הָאסְט קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ זֵיי בְּשׁוּם אֵין אוֹפְן בְּרֶענְגֶען אִין שׁוּל, מֶען קֶען נִישְׁט שְׁטֶערְן דֶעם שׁוּל, אַז זֵיי הֵייבְּן אָן וֵויינֶען וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט יוֹצֵא זַיין דִי מְגִילָה, אִין שׁוּל דַארְף זַיין שְׁטִיל.

דָאס הָאט נִישְׁט מִיט פּוּרִים, דָאס אִיז אַלֶעמָאל; אַז דוּ ווִילְסְט הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ, דוּ נֶעמְסְט דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִין שׁוּל, דַארְפְסְטוּ זֵיי הַאלְטְן נֶעבְּן דִיר אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרוּמְלוֹיפְן אִין שׁוּל, זֵיי זָאלְן נִישְׁט שְׁטֶערְן דָאס דַאוֶונֶען.

הַיינְט נַאכְט אִיז נִישְׁט קַיין מִצְוָה צוּ טְרִינְקֶען; מֶען עֶסְט אַ סְעוּדָה אוּן מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן מֶען זָאל קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פַּארְטָאגְס אוֹיסְנִיצְן דֶעם טָאג וְוִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הֵיילִיגְקֵייט וָואס קוּמְט בַּיים לֵיינֶען דִי מְגִילָה, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען זַיין אֵיינְס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג בְּלַייבְּן בַּיי מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק.

...

## אֵיין טָאג אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז מֶער וִוי אַסַאךְ יָארְן אוֹיף דֶער עֶלְטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, י״ג אֲדָר, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט וֶוען דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט קֶענְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין; הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַן אֵשֶׁת חַיִל, אַן אֵיידֶעלֶע עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, זִי וֶועט דִיר זַיין פַאר אַן עֵזֶר דוּ זָאלְסְט קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

זֶע צוּ הָאבְּן אַ סֵדֶר הַיּוֹם, גֵיי שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ; בֶּעסֶער אַז דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן שְׁטֵייסְט אוֹיף פַארְטָאגְס לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען. גֶעדֶענְק דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן זֵיידְן דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס עֶר שְׁרַייבְּט פַאר זַיין זוּן, אוּנְזֶער זֵיידֶע רֶבִּי אֶלְעָזָר נִיסָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: ״שָׁעָה אַחַת בִּימֵי הַבַּחֲרוּת - כְּשָׁנָה שְׁלֵמָה בִּימֵי הָעֲמִידָה חָשׁוּב״, אֵיין טָאג אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז מֶער וִוי אַסַאךְ יָארְן אוֹיף דֶער עֶלְטֶער.

דַיין טַאטֶע, דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## הֶעלְף דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען אַבִּיסְל אַרוֹיסְגֵיין זִיךְ מְחַזֵּק זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, י״ג אֲדָר, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

יֶעדְן דִינְסְטָאג קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען דִי פְרוֹיעֶן אִין שְׁטֶעטְל; מֶען שְׁמוּעֶסְט, מֶען שְׁפִּילְט אַ שְׁפִּיל אִינְאֵיינֶעם, מֶען הֶערְט חִיזּוּק, הֲלָכוֹת אוּן אוֹיךְ טַאנְצְט מֶען.

עֶס אִיז וִוִיכְטִיג דוּ זָאלְסְט פוּן דַיין זַייט הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ זִי זָאל קֶענֶען קוּמֶען, דָאס הֵייסְט דוּ זָאלְסְט אַהֵיים קוּמֶען פְרִי, בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אַכְטוּנְג

גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער.

אַז זִי וִויל נִישְׁט קוּמֶען זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט נֵייטְן, פוּן דַיין זַייט זָאלְסְטוּ זֶען זִי זָאל קֶענֶען גֵיין.

עֶס קוּקְט אוֹיס וִוי אַ נִישְׁט ווִיכְטִיגֶע זַאךְ, אָבֶער עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ הֶערְן חִיזוּק, הֲלָכוֹת; זִיךְ טְרֶעפְן מִיט גוּטֶע פְרַיינְט וְכוּ'.

...

## גֵיין צוּ דִי עֶלְטֶערְן אוֹיף פֶּסַח

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י"ג אֲדָר, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

פֶּסַח אִיז נִישְׁט קֵיין צַייט צוּ פָארְן צוּ רֶבִּי'ס אוּן עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין יוֹם טוֹב וָואס מֶען גֵייט עֶסְן סְעוּדוֹת דָא אוּן דָארְט, פֶּסַח מִישְׁט מֶען זִיךְ נִישְׁט; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן צוּ דַיין וַוייבְּ'ס עֶלְטֶערְן.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, דַיין וַוייבּ הָאט טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; דוּ הָאסְט וואוּ צוּ גֵיין. בְּלַייבּ נִישְׁט אִין שְׁטֶעטְל עֶסְן בַּיי דֶעם אוּן בַּיי יֶענֶעם, נָאךְ אַבִּיסְל וֶוען דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן אוּנְטֶערְוַואקְסְן וֶועסְטוּ מַאכְן אַלֵיינְס דֶעם סֵדֶר.

חוֹל הַמוֹעֵד וֶועט זַיין שִׁיעוּרִים; אִינְדֶערְפְרִי וֶועל אִיךְ פָּארְלֶערְנֶען דֶעם דַף גְמָרָא, פַארְנַאכְטְס וֶועלְן מִיר רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן, וֶועסְטוּ קֶענֶען קוּמֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין, אָבֶער דִי עֶרְשְׁטֶע טֶעג אוּן דִי צְוֵוייטֶע טֶעג זָאלְסְטוּ זַיין בַּיי דַיינֶע עֶלְטֶערְן.

...

## ווִי אַזוֹי פֶּסַח'דִיג צוּ מַאכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י"ג אֲדָר, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ ווִיל ווִיסְן וָואס מֶען דַארְף טוּן מִיטְ'ן פֶּסַח'דִיג מַאכְן, וָואס דַארְף מֶען אַלְץ אוֹיסְרוֹימֶען? דָא הָאסְטוּ פַאר דִיר דֶעם כְּלַל, וֶועסְטוּ שׁוֹין ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ טוּן בַּיי יֶעדְן פְּרָט.

דִי אַלֶע פְּלֶעצֶער וָואס מֶען פַּארְקוֹיפְט פַארְ'ן גוֹי, מֶען פַארְקְלֶעבְּט דָאס, מֶען עֶפְנְט עֶס נִישְׁט - דַארְף מֶען נִישְׁט אוֹיסְקְרַאצְן דִי בְּרֶעקְלֶעךְ. דִי פְּלֶעצֶער וָואס מֶען נוּצְט פַאר פֶּסַח, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אִין קָאךְ, דִי אַלֶע שֶׁענְק אוּן לֶעדְלֶעךְ וָואס מֶען נוּצְט, דָארְט דַארְף מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע בְּרֶעקְלֶעךְ, מֶען זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט חָמֵץ וָואס אִיז בְּמַשֶּׁהוּ.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר נִזְהָר וֶוען מֶען מַאכְט דִי קָאךְ וְכַדוֹמֶה לָזֶה, אָבֶּער דִי אַנְדֶערֶע מְקוֹמוֹת - דִי שְׁפִּילְצֵייג וְכוּ', דָארְט דַארְף מֶען נִישְׁט קְרַאצְן, דָאס פַּארְקְלֶעבְּט מֶען אוּן מֶען פַּארְקוֹיפְט עֶס.

דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, דִי אַלֶע מַלְאָכִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן דִי מִצְוָה פוּן בְּלָאזְן שׁוֹפָר, דִי מַלְאָכִים וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן קְ'רַאצְן, שַׁ'ארְן ר'וֹימֶען אוּן קַ'אשֶׁערְן; דָארְט וואוּ מֶען דַארְף, אָבֶּער דִי אַלֶע מְקוֹמוֹת וָואס מֶען נוּצְט נִישְׁט, דַארְף מֶען נִישְׁט מַאכְן.

...

## בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז חָשׁוּב אַ פְּרוּוּ וָואס הֶעלְפְט אִיר מַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י"ג אֲדָר, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ...**

אִיךְ ווִיל אַייךְ מְחַזֵּק זַיין אִיר זָאלְט ווִיסְן וָואס אִיז חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן; בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז חָשׁוּב אַ פְרוֹי וָואס אִיז גְרֵייט פַארְ'ן מַאן,

אַ פְרוֹי וָואס הִיט אָפּ אִיר מַאן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ט): "אֵיזוֹהִי אִשָּׁה כְּשֵׁרָה", וֶוער אִיז אַ חָשׁוּבְ'עֶ פְרוֹי? "כָּל שֶׁעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעֲלָהּ", דִי פְרוֹי וָואס טוּט דִי וִוילְן פוּנֶעם מַאן; זִי הִיט אִים עֶר זָאל זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין, עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה בִּקְדוּשָּׁה.

אַ פְרוֹי וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאר'ן מַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיין גְרֵייט פַאר אִיר; אִירֶע תְּפִילוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת וֶועלְן וֶוערְן שְׁנֶעל אָנְגֶענוּמֶען. דִי פְרוֹי וָואס גֵייט אַרוֹיס פוּן אִיר וֶועג פַאר אִיר מַאן, זִי הִיט אִים פוּן עֲבֵירוֹת - וֶועט וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

עֶס נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ 'עֶס אִיז שְׁוֶוער וְכוּ' וְכוּ'' ; יֶעדְן אֵיינֶעם אִיז שְׁוֶוער, פַאר'ן מַאן אִיז אוֹיךְ שְׁוֶוער צוּ טוּן וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן; אוֹיף דֶעם זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (אָבוֹת ה, כג): "לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא", לוֹיט וִוי שְׁוֶוער עֶס קוּמְט אָן צוּ טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּאקוּמְט מֶען מֶער שְׂכַר.

...

## אֵיידֶער דוּ הֵייבְּסְט אָן פָארְן, גֶעבּ אַ פְּרוּטָה פַאר צְדָקָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י"ג אֲדָר, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ, וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן; קְלַאפּ אַרוֹיס פוּן דִיר דִי שׁוּלְד גֶעפִילְן, דוּ בִּיסְט נִישְׁט שׁוּלְדִיג אִין דִי מַעֲשֶׂה, דָאס אִיז פוּן הִימְל, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט דִיר.

אִיךְ וֶועל גֵיין אִינְאֵיינֶעם מִיט דִיר מְנַחֵם אָבֵל זַיין דִי מִשְׁפָּחָה, אִיךְ וֶועל נִישְׁט לָאזְן דוּ זָאלְסְט אוּנְטֶערְגֵיין; דָאס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט דִיר, דָאס אִיז פוּן הִימְל אָנְגֶעשְׁרִיבְּן.

זַיי זִיךְ מְקַבֵּל, יֶעדֶעס מָאל דוּ גֵייסְט אַרַיין אִין קַאר אָדֶער בָּאס, אֵיידֶער דוּ הֵייבְּסְט אָן פָארְן - צוּ לֵייגְן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת דֶּרֶךְ, סִימָן ח): "כְּשֶׁתֵּלֵךְ בַּדֶּרֶךְ, תִּתֵּן קֹדֶם לִצְדָקָה", פַאר מֶען גֵייט אַרוֹיס אוֹיפְ'ן

וֶועג זָאל מֶען גֶעבְּן צְדָקָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ; עֶס זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען מֵקִיל בַּיי דֶעם, זֵיי זָאגְן דָאס נָאר וֶוען מֶען פָּארְט אַ וַוייטֶע נְסִיעָה, מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אָבֶּער זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל אַלֶץ זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ אֵיינְמָאל אַ טָאג מִיט אַ בְּרָכָה, אוּן יֶעדֶעס מָאל מֶען פָּארְט אִין יֶענֶעם טָאג, אֲפִילוּ אִין שְׁטָאט - זָאל מֶען זָאגְן דֶעם יְהִי רָצוֹן אוּן עֶנְדִיגְן: "בָּרוּךְ אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה", אָן דִי שֵׁם וּמַלְכוּת.

צִינְד אָן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן פַאר וֶועמֶען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י"ג אֲדָר, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ הֶעלְפְן חֲבֵרִים וָואס דַארְפְן הִילְף, אָבֶּער מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פַארְוֶועם מֶען גֶעבְּט צְדָקָה.

אַמָאל מֵיינְט מֶען אַז דִי צְוֶועק אִיז חָשׁוּב, דִי צְדָקָה אִיז גְרוֹיס - וֶוען עֶס הֵייבְּט זִיךְ נִישְׁט אָן אוּן לָאזְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט:): אָמַר יִרְמְיָהוּ לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם [אֲפִילוּ] בְּשָׁעָה שֶׁכּוֹפִין אֶת יִצְרָן וּמְבַקְשִׁין לַעֲשׂוֹת צְדָקָה לְפָנֶיךָ, הַכְשִׁילֵם בִּבְנֵי אָדָם שֶׁאֵינָן מְהוּגָּנִין", יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא הָאט גֶעשָׁאלְטְן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן עֲנָתוֹת וָואס הָאבְּן אִים שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן, זֵיי זָאלְן גֶעבְּן צְדָקָה פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט רָאוּי.

אִין דַיין פַאל זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, בִּפְרַט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פַאר וֶועמֶען דוּ נֶעמְסְט צַאם גֶעלְט אִיז אַ חָסִיד שֶׁנָּפַל, עֶר שְׁרַייבְּט שְׁטִילֶערְהֵייט אַ בּוּךְ קֶעגְן חֲסִידִים. פַאר דִיר אוּן פַאר דַיינֶע חֲבֵרִים מַאכְט עֶר זִיךְ וִוי אַ רַחְמָנוּת, עֶר שְׁטֶעקְט אוֹיס זַיין פוּס אַזוֹי וִוי דֶער דָּבָר אַחֵר שְׁטֶעקְט אוֹיס זַיינֶע

פִּיס צוּ וַויְיזְן עֶס אִיז גֶעשְׁפָּאלְטְן. זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, דוּ וֶועסְט זַיין אַ מְסַיֵּעַ לְעוֹבְרֵי עֲבֵירָה פוּן חִילּוּל הַשֵּׁם.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן פוּן יֶעצְט.

...

## קוּק נִישְׁט צוּרִיק אוֹיף נֶעכְטְן, דוּ קֶענְסְט נָאכְאַלְץ פַּארְרֶעכְטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י"ג אֲדָר, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרעֶר לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה**

אִיךְ הָאבּ אַזוֹי רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, אַזַא שָׁאד אַז דוּ בִּיסְט צוּרִיק גֶעפַאלְן, דוּ קוּקְסְט מָאוִויס; דוּ בִּיסְט דָאךְ אַזַא טֵייעֶר קִינְד, דוּ הָאסְט דָאךְ אַזוֹינֶע גוּטֶע זַאכְן, פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ דָאס טוּן? דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין טָאג אוּן נִישְׁט קַיין נַאכְט, דוּ בִּיסְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם טֶעלֶעפָאן, דוּ שְׁלָאפְסְט מִיט דֶעם, דוּ לֶעבְּסְט מִיט דֶעם.

אִיךְ בֶּעט דִיר טֵייעֶרעֶר ..., אֶפְשָׁר דָאךְ? אֶפְשָׁר הֵייבְּסְטוּ אָן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד? הַיינְט נַאכְט אִיז פּוּרִים, עֶס אִיז אַ צַייט וָואס דוּ קֶענְסְט צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה יג:): "אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה הָיְתָה עוֹמֶדֶת מֵחֵיקוֹ שֶׁל אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ", אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה אִיז נֶעבֶּעךְ אָנְגֶעקוּמֶען אִין פַּאלַאץ פוּן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, זִי אִיז גֶעלֶעגְן אִין חֵיקוֹ שֶׁל אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, דָאךְ הָאט זִי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען, "וְטוֹבֶלֶת" - זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען זִיךְ רֵיינִיגְן, "וְיוֹשֶׁבֶת בְּחֵיקוֹ שֶׁל מָרְדְּכַי", זִי אִיז גֶעלָאפְן צוּם צַדִּיק.

אַיֶּכָּה? וואוּ בִּיסְטוּ! ? קוּם צוּרִיק, דוּ קֶענְסְט נָאךְ זַיין אַ צַדִּיק, דַיין נְשָׁמָה קוּמְט פוּן אוֹיבְן, עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי הֵיילִיג.

קוּק נִישְׁט צוּרִיק אוֹיף נֶעכְטְן, דוּ קֶענְסְט נָאךְ אַלְץ פַּארְרֶעכְטְן; וַוארְף אַוֶועק דֶעם טֶעלֶעפָאן, נֶעם דֶעם מִשְׁנָיוֹת מִיט דִי גְמָרָא, דַיין לֶעבְּן וֶועט

צוּרִיק וֶוערְן לֶעבְּן.

...

**זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י"ג אֲדָר, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ פָארְסְט יֶעצְט נָאכְאַמָאל מִיט דַיין וַוייבּ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, קַיין אוּמַאן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס לוֹינְט זִיךְ נָאכְאַמָאל מְגוּלְגָּל וֶוערְן, אוֹיבּ מֶען וֶועט קֶענֶען זַיין נָאכְאַמָאל בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן".

בַּיים צִיּוּן זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם, בַּיים צִיּוּן טַאנְצְט מֶען נִישְׁט, זִיכֶער נִישְׁט עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען; לֵיידֶער אִיז דָא בַּיים צִיּוּן אַ גְרוֹיס הֶפְקֵרוּת.

וֶוען דוּ קוּמְסְט צוּם צִיּוּן זָאלְסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן מִיט קֵיינֶעם, דָארְט זָאלְסְטוּ נָאר דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן, אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [ - טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ]; אוֹיךְ קֶענְסְטוּ לֶערְנֶען דָארְט דַיינֶע שִׁיעוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים.

נָא לְהִתְפַּלֵּל עֲבוּרִי, יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכִיל.

...

## רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י"ג אֲדָר, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ, דוּ בִּיסְט אַ טַייעֶרער אִינְגֶערְמַאן; דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר פוּן מַיין הַארְץ: "רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַ וואוּילֶע וַוייבּ מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, זִי אִיז דִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי, זִי אִיז דִיר אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן, דַארְפְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט מִיט אִיר.

זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרָאפְּהַאקְן דֶעם טֶעלֶעפָאן אִינְמִיטְן רֶעדְן מִיט אִיר, דָאס טוּט זֵייעֶר וֵוי פַאר אַ וַוייבּ, דָאס מַאכְט אַ לָאךְ אִין הַארְץ, דָאס וַוארְפְט אִיר אַרָאפּ פוּן אִירֶע כֹּחוֹת.

מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַזַא גְרוֹיסֶער רֶבִּי, דַארְפְן מִיר פָאלְגְן וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד), מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, מִיר זָאלְן רֶעדְן שֵׁיין צוּ זֵיי, "כִּי אָמַר, הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם, צַעַר הָעִבּוּר וְהַלֵּדָה וְהַגִּדּוּל, כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם", וַוייל זֵיי זֶענֶען אַזוֹי אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט מִיט דִי קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר אַזוֹי שְׁטַארְק, נֶעם בִּיטֶע אָן מַיינֶע וֶוערְטֶער, זָאג מִיר נִישְׁט אָפּ, טוּ דָאס אֵיינֶע זַאךְ וָואס אִיךְ בֶּעט דִיר!!

...

## וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם טָאג פּוּרִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - חַג הַפּוּרִים, עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צַייט צוּ שְׁרַייבְּן בְּרִיווּ, אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר בְּקִיצוּר ווִי אַזוֹי דוּ זָאלְסְט אוֹיסְנוּצְן דֶעם טָאג.

פּוּרִים אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת, בֶּעט יֶעצְט דִי קְלֵיינֶע תְּפִלָּה, שְׁטוּפּ עֶס נִישְׁט אָפּ:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן זָאל זַיין אֵיין שְׁטִיק אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּירְן אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר; דוּ בִּיסְט אַלֶעס אוּן דוּ טוּסְט אַלֶעס, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אִיךְ ווִיל טוּן מִצְוֹת אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין אָפְּצוּוָואשְׁן דֶעם הָמָן אוּן עֲמָלֵק?! אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, אִיךְ הִיט נִישְׁט מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ הִיט נִישְׁט מַיין מַחֲשָׁבָה, אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ דִיר מִיט אַן אֱמֶת.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ ווִיל אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיין מָרָה שְׁחוֹרָה, אִיךְ ווִיל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס אִיךְ טוּ; אִיךְ ווִיל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט'ן 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי' - אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי, אִיךְ בִּין אַ אִיד; אִיךְ ווִיל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט מַיין אִידִישְׁקֵייט.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר עֶס זָאל מִיר אָנְקוּמֶען גְרִינְג מַיין פַּרְנָסָה; אִיךְ זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת, אִיךְ זָאל קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין מַיין מִשְׁפָּחָה מִיָּדְךָ הַטּוֹבָה הָרְחָבָה וְהַמְּלֵאָה.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן קִינְדְ'ס קִינְדֶער עֶרְלִיכֶע אִידְן, קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס וֶועלְן זַיין דָבוּק צוּ דִיר, דָבוּק צוּ צַדִיקִים".

אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג דַארְף מֶען זִיךְ גֵיין טוֹבֵל'ן; גֵיי טוֹבֵל זִיךְ אִין מִקְוֶה אוּן לוֹיף אִין שׁוּל הֶערְן דִי מְגִילָה. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין

צוּ הֶערְן דִי מְגִילָה, דִי הֵיילִיגֶע מְגִילָה וָואס אִיז מְגַלֶּה אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער. נָאכְן דַאוֶועןעֶן זָאלְסְטוּ מְקַיֵּים זַיין מִיט שִׂמְחָה דִי מִצְוָה פוּן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים אוּן זִיךְ וַואשְׁן, זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן דִי סְעוּדָה פְּרִי, עֶס אִיז עֶרֶב שַׁבָּת אוּן מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין שַׁבָּת אִין צַייט.

טְרִינְק נִישְׁט קַיין סַאךְ; דִי יָאר דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט מְחַלֵּל שַׁבָּת זַיין, מֶען זָאל זַיין אִין שְׁטוּב צַייטְלִיךְ אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין מֶקְצֶה, קַיין גֶעלְט – אִין טַאשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּנֶעם טָאג.

אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים אוּן אַ לִיכְטִיגְן שַׁבָּת.

דָא הָאסְטוּ אַ בְּרִיוו פַאר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳.

...

## דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה, דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה אִיז גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – חַג הַפּוּרִים, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י״ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

הַיינְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, פּוּרִים וָואס גֶעפַּאלְט עֶרֶב שַׁבָּת. וֶוען אִיר צִינְדְט דִי לִיכְט זָאלְט אִיר זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְס אִים עֶר זָאל אַייךְ הֶעלְפְן.

אַ שָׁאד פְרוֹיעֶן וֵוייסְן נִישְׁט פוּן זֵייעֶרֶע כֹּחוֹת, וֶוען פְרוֹיעֶן וָואלְטְן וֶוען גֶעוּוִיסְט וָואס זֵיי קֶענֶען אוֹיסְ׳פּוֹעֶלְ׳ן בַּיי דִי לִיכְט, וֶוען זֵיי צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט, דִי שַׁבָּת לִיכְט, דֶעמָאלְט אִיז אָפְן דִי טִירְן פוּן הִימְל, אַלֶע תְּפִילוֹת גֵייעֶן גְלַייךְ אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן – וָואלְטְן זֵיי גֶעזִיצְן בַּיי דִי לִיכְט אוּן גֶעבֶּעטְן אַלֶע זֵייעֶרֶע בַּקָּשׁוֹת.

אַנְשְׁטָאט לוֹיפְן צוּ דֶעם אוּן צוּ יֶענֶעם זוּכְן עֵצוֹת אוּן סְגוּלוֹת, פַארבְּרֶענְגֶען צַייט אוּן אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט - קֶען מֶען נֶעמֶען דִי סְגוּלָה, דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה אוּן גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, אִים בֶּעטְן עֶר זָאל הֶעלְפְן, עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דָא הָאט אִיר אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס צוּ בֶּעטְן הַיינְט פּוּרִים וֶוען אִיר צִינְדְט אָן דִי הֵיילִיגֶע לֶעכְט:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען, דַאוֶוענֶען אוּן טוּן דַיין ווילְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען עֶרְצִיעֶן מַיינֶע קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט מִיט מַיין מַאן; מִיר זָאלְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פַארְשְׁטֵיין, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, מִיר זָאלְן נָאכְגֶעבְּן אֵיינֶער פַארְ'ן צְוֵוייטְן, מִיר זָאלְן גָארְנִישְׁט וֶועלְן, נָאר טוּן דַיין ווִילְן; אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר הַיינְט אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג צוּ זַיין גֶעטְרֵיי פַאר דִיר, אִיךְ גֵיי זִיךְ אָנְטוּן אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן, אִיךְ גֵיי נִישְׁט גֵיין אָנְגֶעטוּן פְּרָאסְט, אִיךְ גֵיי אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין, אֵיידְל אוּן רַייךְ, אַזוֹי ווִי דוּ ווִילְסְט. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיךְ וֶועלְן זַיין אֵיידְל אוּן שֵׁיין, זֵיי זָאלְן פַארְשְׁטֵיין וָואס מֵיינְט שֵׁיין, זֵיי זָאלְן נִישְׁט קוּקְן אוֹיפְ'ן גוֹי אוּן זֵיי נָאכְמַאכְן; הֶעלְף אַרוֹיס אַלֶע אִידְן זָאלְן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ דִיר".

נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר צוּלֵייגְן אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע בַּקָשׁוֹת אוּן גֶעבֶּעטְן, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט אִין שְׁטוּב, גֶענוּג גֶעוֶוען מִיט מַחֲלֹקֶת אוּן קְרִיגֶערֵייעֶן; וֶוער הָאט כֹּחַ פַאר מַחֲלֹקֶת? וֶוער הָאט כֹּחַ פַאר קְרִיגֶערֵייעֶן? שָׁלוֹם אִיז דָאךְ אַזוֹי שֵׁיין, שָׁלוֹם אִיז דָאךְ אַזוֹי זִיס, שָׁלוֹם אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס. אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט וַוארְטְן יֶענֶער זָאל מַאכְן שָׁלוֹם, מֶען דַארְף אַלֵיינְס מַאכְן שָׁלוֹם, מֶען דַארְף אַוֶועקְלֵייגְן דִי גַּאֲוָה אוּן נִישְׁט זוּכְן צוּ זַיין גֶערֶעכְט, דֶעמָאלְט שַׁיינְט דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זוּכְן צוּ זַיין גֶערֶעכְט, אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיגְן זִיךְ. וִוי לַאנְג לֶעבְּט דֶער מֶענְטְשׁ? וִוי לַאנְג הָאבְּן מִיר נָאךְ דָא אוֹיף דִי וֶועלְט? נָאךְ אַפָּאר יָאר; אִיז דָאךְ אַ שָׁאד מֶען זָאל אָפְּלֶעבְּן דָאס לֶעבְּן מִיט קְרִיגֶערַייעֶן, אַ שָׁאד דִי פָּאר יָאר זָאל מֶען זִיךְ קְרִיגְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, הַיּוֹם תְּאַמְּצֵינוּ, הַיינְט אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג פּוּרִים לָאמִיר אָנְהֵייבְּן אַ נֵייעֶם דַף, לָאמִיר פַארְגֶעבְּן אַלְטֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז מוֹחֵל זַיין אוֹיף אוּנְזֶערֶע אַלְטֶע זַאכְן אוּן אָנְהֵייבְּן מִיט אוּנְז אַ נֵייעֶם בְּלַאט.

אִיךְ וֶועל נִישְׁט לַאנְג שְׁרַייבְּן, עֶס אִיז הַיינְט אַ הֵיילִיגֶע טָאג; אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן מִיט אַ מַעֲשֶׂה. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כה:), עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ טְרִיקֶענִישׁ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט אַ לַאנְגֶע צַייט; אַז עֶס רֶעגְנְט נִישְׁט וַואקְסְט נִישְׁט אוּן אַז עֶס וַואקְסְט נִישְׁט אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ עֶסְן אוּן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ עֶסְן קֶען מֶען חָלִילָה שְׁטַארְבְּן, הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים גֶעמַאכְט אַ תַּעֲנִית צִיבּוּר, יֶעדֶער דַארְף פַּאסְטְן, מֶען הָאט זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען דַאוֶוענֶען אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט צוּגֶעשִׁיקְט צוּם עָמוּד דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר, עֶר הָאט גֶעזָאגְט "עֶשְׂרִים וְאַרְבַּע בְּרָכוֹת", פִיר אוּן צְוָואנְצִיג בְּרָכוֹת, "וְלֹא נֶעֱנָה", אוּן עֶר אִיז נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן, עֶס הָאט נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶערֶעגְנְט, הָאט מֶען צוּגֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט "אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ אֵין לָנוּ מֶלֶךְ אֶלָּא אָתָּה", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, טַאטֶע זִיסֶער, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע קֶענִיג נָאר דִיר, "אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ לְמַעַנְךָ רַחֵם עָלֵינוּ", אוּנְזֶער טַאטֶע אוּנְזֶער קֶענִיג, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְז פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, "וַיֵּרְדוּ גְשָׁמִים", אוּן עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעגֶענֶען, הָאבְּן אַלֶע גֶעזָאגְט עֶס זֶעט אוֹיס רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז גְרֶעסֶער פוּן רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר, וַוייל עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פִיר אוּן צְוָואנְצִיג בְּרָכוֹת אוּן עֶר אִיז נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן אוּן רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעבֶּעטְן צְוֵויי אָבִינוּ מַלְכֵּינוּ'ס אוּן גְלַייךְ הָאט מֶען אָנְגֶענוּמֶען זַיינֶע תְּפִילּוֹת, אִיז אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל אוּן גֶעזָאגְט: "לֹא מִפְּנֵי שֶׁזֶּה גָּדוֹל מִזֶּה", נִישְׁט וַוייל רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז גְרֶעסֶער פוּן רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר הָאט מֶען אָנְגֶענוּמֶען זַיינֶע

תְּפִילוֹת, בֵּיידֶע זֶענֶען דִי זֶעלְבֶּע גְרוֹיס, "אֶלָּא שֶׁזֶּה מַעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו וְזֶה אֵינוֹ מַעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו", נָאר וַוייל רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז מַעֲבִיר אוֹיף זַיינֶע מִידוֹת, עֶר פַארְקוּקְט, עֶר זוּכְט נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, עֶר אִיז מוֹחֵל אַ צְוֵוייטְן; דֶערִיבֶּער הָאט מֶען אָנְגֶענוּמֶען זַיינֶע תְּפִילוֹת, אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן כ): "מִי שֶׁמַּעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו, תְּפִלָּתוֹ נִשְׁמַעַת", וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר אוֹיף זַיינֶע מִידוֹת נֶעמְט מֶען אָן זַיינֶע תְּפִילוֹת; אִין דִי זְכוּת וָואס אִיר וֶועט נִישְׁט זוּכְן צוּ זַיין גֶערֶעכְט, אִיר וֶועט פַארְקוּקְן אוֹיף אַייעֶר מַאן, אִיר וֶועט אִים פַארְגֶעבְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָנְנֶעמֶען אַייעֶרֶע תְּפִילוֹת.

אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים אוּן אַ לִיכְטִיגְן שַׁבָּת.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְן הַצְלָחָה מִיט אַלֶע תַּלְמִידוֹת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - חַג הַפּוּרִים, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן וַוייטֶער קֶענֶען הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי בְּלִיעֶנְדֶע מוֹסְדוֹת, מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶע תַּלְמִידוֹת; אַלֶע תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵּיגָא לִיבֶּערְטִי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צִדְקָנִיּוֹת, אִיר זָאלְט הָאבְן כֹּחַ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

שְׁטַארְקְט אַייךְ אִינְאֵיינֶעם וַוייטֶער צוּ טוּן נָאר פַאר אַנְדֶערֶע.

שִׂמְחַת פּוּרִים.

...

**אוֹיפְשְׁטֶעלְן תַּלְמִידִים וָואס וֶועלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חַג הַפּוּרִים, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, י״ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַארְ'ן זִיךְ אַזוֹי אֲוֶועקְגֶעבְּן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, בִּפְרַט פַאר מַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אוּנְזֶער גַאנְצֶע לֶעבְּן זַיין גֶעטְרֵיי פַארְ'ן רֶבִּי'ן; אוֹיפְשְׁטֶעלְן תַּלְמִידִים וָואס וֶועלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שִׂמְחַת פּוּרִים.

...

**מִיר זָאלְן הָאבְּן דִי זְכִיָ' וַוייטֶער צוּ טוּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חַג הַפּוּרִים, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, י״ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן הָאבְּן דִי זְכִיָ' וַוייטֶער צוּ טוּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן; סַיי מִיט הֲפָצַת אוֹר רַבֵּינוּ בָּעוֹלָם אוּן סַיי מִיטְ'ן אוֹיפְשְׁטֶעלְן תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען פַאר אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אוּן רֶבִּי'ס; לְמַעַן לֹא נֵבוֹשׁ וְלֹא נִכָּלֵם וְלֹא נִכָּשֵׁל לְעוֹלָם וָעֶד, מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן פַארְבִּינְדְן בַּיים רֶבִּי'ן אִין זַאק אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

...

## מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן אוּנְזֶער גַאנְץ לֶעבְּן בַּיים רֶבִּי'ן אִין זַאק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - חַג הַפּוּרִים, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן מִיר הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי אַ גַאנְץ יָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן אוּנְזֶער גַאנְץ לֶעבְּן בַּיים רֶבִּי'ן אִין זַאק, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעבֶּעטְן: "רֶבִּי, בִּינְד מִיר צוּ אִין דַיין זַאק"; מִיר זָאלְן וַוייטֶער טוּן פַאר'ן רֶבִּי'ן, דָאס וֶועט אוּנְז מְתַקֵּן זַיין.

שִׂמְחַת פּוּרִים.

...

## אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן מִיר הֶעלְפְן אִין חֵדֶר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - חַג הַפּוּרִים, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן מִיר הֶעלְפְן אִין חֵדֶר, סֵיי מִיטְ'ן זַיין אַ גֶעטְרֵייעֶר מְלַמֵּד אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דִי טְרַאנְסְפָּארְטֶעישְׁן - בְּרֶענְגֶען אוּן טְרָאגְן דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אוּנְזֶער גַאנְץ לֶעבְּן טוּן פַאר'ן רֶבִּי'ן.

...

### טוּן פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן אוּנְזֶער גַאנְץ לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חַג הַפּוּרִים, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י״ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען טוּן פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן אוּנְזֶער גַאנְץ לֶעבְּן, מִיר זָאלְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה.

שִׂמְחַת פּוּרִים.

...

### פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אֱמוּנָה, דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חַג הַפּוּרִים, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י״ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן וַוייטֶער הָאבְּן דִי זְכִיָ׳ צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אֱמוּנָה, דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת - פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; דָאס וֶועט זַיין אוּנְזֶער תִּיקוּן מִיר זָאלְן קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן וָואס מִיר דַארְפְן פַארְרֶעכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט דַיין וַוייבּ.

שִׂמְחַת פּוּרִים.

...

## יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן אַזוֹי גֶעטְרֵיי מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - חַג הַפּוּרִים, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, י"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ**

**לִכְבוֹד הר"ר ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן אַזוֹי גֶעטְרֵיי מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן מִיר זָאלְן אוּנְזֶער גַאנְץ לֶעבְּן זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט הֶעלְפְּן דֶעם רֶבִּי'ן, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אֱמוּנָה, פְלַאנְצְן אִין אִידִישֶׁע הֶערְצֶער אֱמוּנָה וְיִרְאַת הַשֵּׁם.

שִׂמְחַת פּוּרִים.

...

## מִיר זָאלְן הָאבְּן דִי זְכִיָ' צוּ זַיין אַ שַׁמָּשׁ בַּיים רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - חַג הַפּוּרִים, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, י"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן מִיר זָאלְן הָאבְּן דִי זְכִיָ' צוּ זַיין אַ שַׁמָּשׁ בַּיים רֶבִּי'ן, הֶעלְפְּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אֱמוּנָה, הֶעלְפְּן כַאפְּן דֶעם הֶערְשׁ; נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן רֶבִּי'ן.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר דַיין גֶעטְרֵיישַׁאפְט פַארְ'ן מוֹסָד.

שִׂמְחַת פּוּרִים.

...

## יִיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן הֶעלְפְן צָאלְן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט מִיט אַזַא גֶעטְרֵייַשַׁאפְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - חַג הַפּוּרִים, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן וַוייטֶער קֶענֶען דִי זְכִיָ' הָאבְּן צוּ מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן.

דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר אַ גַאנְץ יָאר בַּאצָאלְן אוּנְזֶערֶע כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט מִיט אַזַא גֶעטְרֵייַשַׁאפְט.

אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ זֶען בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבַמִּצְוֹת.

שִׂמְחַת פּוּרִים.

...

## הָאבְּן דִי זְכִיָ' וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - חַג הַפּוּרִים, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן הָאבְּן דִי זְכִיָ' וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן בְּבֵית הַשֵּׁם, לַחֲזוֹת בְּנוֹעַם הַשֵּׁם, מִיר זָאלְן שְׁפִּירְן דָאס זִיסְקֵייט, דָאס לִיכְטִיגְקֵייט - אִין דִי תּוֹרָה, מִיר זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי תַּלְמִידִים; אוּיפְשְׁטֶעלְן אַ מִילִיטֶער פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שִׂמְחַת פּוּרִים.

...

**סֵיי אָרוּר הָמָן סֵיי בָּרוּךְ מָרְדְּכַי, אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חַג הַפּוּרִים, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י״ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ**

**לְכָבוֹד ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר, דַיָּין דִקְהִילָתֵינוּ**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ עַד דְּלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי; עֶס זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין חִילוּק שְׁלֶעכְט אָדֶער גוּט, מִיר זָאלְן וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, סֵיי אָרוּר הָמָן סֵיי בָּרוּךְ מָרְדְּכַי - אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

שִׂמְחַת פּוּרִים.

...

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּארְ׳ן זַיין אַזַא גֶעטְרֵייעֶר מְלַמֵּד**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חַג הַפּוּרִים, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י״ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ**

**לְכָבוֹד ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּארְ׳ן זַיין אַזַא גֶעטְרֵייעֶר מְלַמֵּד, פַּארְ׳ן אַרַיינְלֵייגְן אִין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אֱמוּנָה טְהוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם וּמִדּוֹת טוֹבוֹת.

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ שֶׁשָּׂם חֶלְקֵינוּ בְּהֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וְלֹא מִיּוֹשְׁבֵי קְרָנוֹת, אַז מִיר קֶענֶען שְׁפִּירְן אַבִּיסְל בָּזֶה הָעוֹלָם טַעַם גַּן עֵדֶן.

שִׂמְחַת פּוּרִים.

...

**מִיר זָאלְן הָאבְּן דִי זְכִיָ׳ אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חַג הַפּוּרִים, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י״ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ**

**לִכְבוֹד ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ אוּנְזֶער מְנַהֶלֶת בֵּית פֵּיגָא תִּחְיֶ׳**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן הָאבְּן דִי זְכִיָ׳ אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַיינְפְלַאנְצְן אִין זֵיי אֱמוּנָה; אַלֶע זָאלְן וִויסְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיר זָאלְט אִינְאֵיינֶעם זֶען אַסַאךְ נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן קִינְדְ׳ס קִינְדֶער, אָמֵן.

שִׂמְחַת פּוּרִים.

...

**גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, אִיר וֶועט הָאבְּן אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חַג הַפּוּרִים, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י״ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אִיר וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער; פַּארְלִירְט אַייךְ נִישְׁט, גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, אִיר וֶועט הָאבְּן אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער.

בְּנוֹגֵעַ וואו צוּ וואוֹינֶען; וֶוער קֶען זָאגְן וואו מֶען זָאל וואוֹינֶען? בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט וִויסְן וואו צוּ וואוֹינֶען.

אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים אוּן אַ שִׂמְחַת תָּמִיד.

...

## דוּ קֶענְסְט רוּאִיג נֶעמֶען דִי וַואקְסִין

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חַג הַפּוּרִים, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י״ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, דוּ קֶענְסְט רוּאִיג נֶעמֶען דִי וַואקְסִין קֶעגְן דִי קָארָאנֶע וֶוייִרוּס; דִי אַלֶע וָואס וַוארְפְן אָן אַ שְׁרֶעק דִי זֶענֶען בִּכְלַל אַנְטְשְׁלָאסְן מֶען זָאל נִישְׁט נֶעמֶען קַיין שׁוּם וַואקְסִין, יֶעצְט וֶוען מֶענְטְשְׁן זֶענֶען צֶעמִישְׁט אוּן צֶעטוּמְלְט - מַאכְן זֵיי אַ טוּמְל. דוּ קֶענְסְט רוּאִיגֶערְהֵייט נֶעמֶען דִי וַואקְסִין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶע מַחֲלוֹת.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אֲפִילוּ אִינְמִיטְן ווִינְטֶער וֶוען עֶס אִיז זֵייעֶר קַאלְט (אִין אוּקְרֵיינָא אִין אַ גֶעוֶוענְלִיכְן ווִינְטֶער גֵייט אַרָאפּ דֶער גְרַאד בִּיז אוּנְטֶער זִירָא; עֶס קֶען אֲפִילוּ אַרָאפְּגֵיין בִּיז דְרַייסִיג דֶעגְרִי אוּנְטֶער זִירָא), דַארְף מֶען נֶעמֶען דִי קִינְדֶער צוּם דָאקְטֶער זֵיי צוּ גֶעבְּן שַׁאטְס וְכוּ׳ (עַיֵּין בְּסֵפֶר אֲבָנֶיהָ בַּרְזֶל, סִימָן לד).

זַיי מַמְשִׁיךְ צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אִין דִי וֶועלְט, דָאס וֶועט דִיר מַאכְן פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן טז): ״מִי שֶׁמְּפַרְסֵם אֶת הַצַּדִּיק, זוֹכֶה לְשִׂמְחָה״, וֶוער עֶס פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם צַדִּיק וֶוערְט פְרֵיילִיךְ; אִינְטֶערְסַאנְט אִיז, דִי אַלֶע וָואס טוּעֶן אִין הֲפָצָה זֶענֶען אַלְץ פְרֵיילִיךְ, זֵיי זֶענֶען גוּט מוּטִיג.

אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים אוּן אַ שִׂמְחַת תָּמִיד.

...

## דָאס אִיז דֶער לִימוּד פוּן רֶבִּי'ן, מֶען קֶען אַלְץ אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, שׁוּשַׁן פּוּרִים, ט"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט אִיז שׁוּשַׁן פּוּרִים, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג. רֶבִּי נָתָן אִיז אַמָאל גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף פּוּרִים אָבֶּער עֶר אִיז נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען אוּן עֶר אִיז גֶעוֶועןְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן; עֶר אִיז עֶרְשְׁט אָנְגֶעקוּמֶען שׁוּשַׁן פּוּרִים, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט קוּמֶען אוּן זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף פּוּרִים, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז אוֹיךְ פּוּרִים"; דָאס אִיז דֶער לִימוּד פוּן רֶבִּי'ן, עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט, מֶען קֶען אַלְץ אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי.

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, עֶס אִיז דָא אַ וֶועג, אַ גְרִינְגֶע וֶועג פַאר דִיר אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. דֶער רֶבִּי הָאט אַן עֵצָה, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצָה פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי פְּלָאנְטֶער, פַאר אַלֶע וָואס קוּקְן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן פַאלְן נָאכְדֶעם אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן דִי קְדוּשָׁה - עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם; וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה; בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז?! תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס"; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז רָגִיל אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיב וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה וֶועט עֶר אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עד): "בַּתְּחִלָּה הָיוּ כָּל הַהַתְחָלוֹת מִפֶּסַח, וְעַל כֵּן כָּל הַמִּצְווֹת הֵם זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם. וְעַכְשָׁו... (וְלֹא סִיֵּם)", הַיינְט הָאט דֶער רֶבִּי מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען דֶעם חִידוּשׁ פוּן וְעַכְשָׁו - 'פוּן יֶעצְט'; מֶען קֶען יֶעדֶע רֶגַע אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, זָאלְסְטוּ יֶעצְט אָנְהֵייבְּן אַ פְּרִישֶׁע קַבָּלָה.

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין, מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן בִּיז פַארְטָאגְס; מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס פַארְשְׁטֵייט אוּנְז.

הַיינְט וֶועלְן מִיר אוֹיךְ מַאכְן אַ סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה נָאךְ מִנְחָה.

...

## עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרֵיילִיכֶער פּוּרִים, אוּן מֶען גְרֵייט זִיךְ אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, שׁוּשַׁן פּוּרִים, ט"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ קוּמֶען הַיינְט אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן יוֹם טוֹב פּוּרִים. מִיר זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה כִּמְעַט בִּיזְן זְמַן כְּנִיסַת שַׁבָּת, מִיר הָאבְּן גֶעטַאנְצְן; עֶס אִיז גֶעוֶוען שִׂמְחוֹת אוּן

בְּכִיּוֹת, מִיר הָאבְּן גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק. אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה פַּאר שַׁבָּת בִּין אִיךְ אַהֵיים הֶעלְפְן מַיין וַוייבּ אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר דֶערְהוֹיבְּן אִין יְשִׁיבָה; מֶען הָאט גֶעדַאוֶוענְט מִיט אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע שִׂמְחָה. פַּאר קַבָּלַת שַׁבָּת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט נִשְׁמַת, מִיר הָאבְּן גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְאֵיינֶעם; נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעזִינְגֶען.

נֶעכְטְן נַאכְט מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז מֶען נָאכְאַמָאל גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה, מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן בִּיז פַּארְטָאגְס; דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, מֶען הָאט מִיר נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט וְכוּ׳, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אָפְּגֶעמַאטֶערְט.

עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט פוּן שְׁטֶעטְל, זֵיי וֶועלְן דִיר דֶערְצֵיילְן וָואס דָא הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן; אֶפְשָׁר וֶועט אֵיינֶער פוּן זֵיי אָפְּשְׁרַייבְּן דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב, אַלֶע דִיבּוּרִים, הִתְחַזְּקוּת וְכוּ׳.

זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְנֶעמֶען עֶנְקֶער פַארְלַאנְג אַרוֹיס צוּ קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ וֶועל בְּלַייבְּן אִין יְשִׁיבָה פַּאר דִי הַיינְטִיגֶע סְעוּדָה.

אִיךְ וֶועל מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף זַיין יוֹם טוֹב פֶּסַח אִין שְׁטֶעטְל. עֶס וֶועט זַיין שִׁיעוּרִים אַלֶע טֶעג, סַיי יוֹם טוֹב אוּן אוֹיךְ חוֹל הַמּוֹעֵד. אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם פָארְלֶערְנֶען אַלֶע טֶעג פַּארְ׳ן דַאוֶוענֶען שַׁחְרִית דִי בְּלַאט בַּבְלִי אוּן יְרוּשַׁלְמִי.

חוֹל הַמּוֹעֵד וֶועל אִיךְ דַאוֶוענֶען שַׁחְרִית עֶלְף אַזֵייגֶער, פַּארְ׳ן דַאוֶוענֶען וֶועט זַיין דִי שִׁיעוּר אִין בַּבְלִי אוּן יְרוּשַׁלְמִי. אַז אִיר ווִילְט קֶענְט אִיר מַאכְן אַ מִנְיָן שַׁחֲרִית פְרִיעֶר, אִיךְ וֶועל דַאוֶוענֶען עֶלְף אַזֵייגֶער. פַארְנַאכְטְס וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר הִתְחַזְּקוּת; מִיר וֶועלְן דַאוֶוענֶען מִנְחָה אַכְט אַזֵייגֶער אוּן נָאךְ מַעֲרִיב וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר, מִיר וֶועלְן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיטְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער שְׁטֶעטְל וֶועט זִיךְ בּוֹיעֶן אוֹיבּ אִיר וֶועט טְרַאכְטְן
## אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד טַייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תּוֹשְׁבֵי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט הֶעלְפְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; יֶעצְט עֶפְנְט זִיךְ אַ גְרָאסֶערִי אִין שְׁטֶעטְל, זָאלְט אִיר זֶען אַיינְצוּקוֹיפְן אִין שְׁטֶעטְל. דֶער שְׁטֶעטְל וֶועט זִיךְ בּוֹיעֶן אוֹיבּ אִיר וֶועט טְרַאכְטְן אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן, אִיר וֶועט גֶעבְן פַּרְנָסָה אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

אִיךְ שְׁטֵיי אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף דִי וָואס וֶוען עֶס קוּמְט צוּ זֵייעֶר אֵייגֶענֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן וֶועלְן זֵיי נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין אֵיין אֵיינְצִיגֶע טְרִיט פַאר אַ צְוֵוייטְן בִּשְׁעַת אַלֶע גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר וֶועג זֵיי צוּ גֶעבְן אַרְבֶּעט; וָואס קֶען מֶען טוּן, אַלְץ זֶענֶען דָא אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס טְרַאכְטְן נָאר פוּן זִיךְ. אִיךְ הָאף אַז רוֹב אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועלְן יָא טְרַאכְטְן פוּן אַ צְוֵוייטְן.

מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועל אִיךְ זַיין יוֹם טוֹב פֶּסַח אִין שְׁטֶעטְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מָאיר קִינְדֶלֶער

## בַּיים צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פוּן וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד פְלֶעגְט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר פְלֶעגְט גֵיין אַלֵיינְס צוּם קֶבֶר פוּן זַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן דָארְט וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זַיין אַ צַדִּיק.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט גֵיין זִיךְ טוֹבֵל׳ן אִין מִקְוֶה; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַייז קַאלְט אִינְמִיטְן ווינְטֶער, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן גֵייט אִין מִקְוֶה. וֶוען מֶען הָאט גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי׳ן מִיט נַאסֶע פֵּיאוֹת הָאט מֶען גֶעמֵיינְט אַז עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט זַיין הָאר, עֶר מַאכְט שֵׁיינֶע פֵּיאוֹת, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט חָלוֹמ׳עֶן אַז דֶער קְלֵיינֶער אִינְגְל נַחְמָן גֵייט אִין אַ אַייז קַאלְטֶע מִקְוֶה אִינְמִיטְן ווינְטֶער.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט שְׁטֵיין בַּיים צִיּוּן פוּן זַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט דָארְט גֶעזָאגְט תְּהִילִים אוּן גֶעוֵויינְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִּיק".




"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִּיק"

טַייעֶרֶע קִינְדֶער אַז מִיר וֶועלְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן מִיר אוֹיךְ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

לָאמִיר יֶעצְט זִינְגֶען אַלֶע אִינְאֵיינֶעם: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער

אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - טַאטֶע; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - טַאטֶע זִיסֶער; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - טַאטֶע, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - טַאטֶע זִיסֶער; אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִיק - אִיךְ וִויל זַיין דָבוּק צוּ דִיר בְּתַכְלִית הַשְׁלֵמוּת; אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִיק - אִיךְ וִויל זַיין דָבוּק צוּ דִיר בְּתַכְלִית הַשְׁלֵמוּת".

**חשוב'ע טייערע קינדער שיחיו!**

**די קומענדיגע גורל וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף פארקומען זונטאג פרשת ויקרא, ראש חודש ניסן, דעם טאג וואס דער הייליגער רבי איז געבוירן געווארן.**

**גערדענקט, מיט יעדע מעסידזש וואס מען שיקט אריין גייט מען נאכאמאל אריין אינעם גורל!**

**כאפטס אריין!**

די נומער וואו מען קען דערוויל לאזן מעסידזשעס איז:

718-387-2691 - אפציע 6, די קינדער וואס לערנען אין די היכל הקודש ברסלב תלמוד תורה קענען דאס איבערגעבן פאר זייער מלמד שליט"א, אדער קען מען דאס שיקן אויף פאסט צום אדרעסס:

Keren Hadfusa of Breslev 27 Skillman Street Brooklyn NY 11205

אזוי אויך קען דאס ווערן געשיקט דורך די עלטערן צום אימעיל אדרעסס: info@kerenhadfusa.org

א חלק פון די הערליכע מעסידזשעס וואס די חשוב'ע קינדער האבן ארייגעשיקט:

**"איך האב זיך ארויסגעלערנט פון עצתו אמונה פאר קינדער, אז מ'דארף פון יעדע זאך ארויסלערנען די גוטע זאך וואס קומט ארויס דערפון, אויך האב איך זיך ארויסגעלערנט פון די מעשה מיט'ן קאץ, אז מ'דארף דאווענען צום אייבערשטן נישט כדי אלע זאלן זען אז מ'דאווענט".**

אברהם יצחק פוקס, אומאן

**"איך האב זיך ארויסגעלערנט פון עצתו אמונה פאר קינדער, אז אפילו ס'ווערט עפעס נישט גוט דארף מען ווייטער זיין פריילין".**

נחמן נתן וויינבערג, תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב ליבערטי, כתה ד' - הר"ר ישראל יוסף שניצלער שליט"א

**"איך האב זיך געלערנט פון די מעשה פון עצתו אמונה פאר קינדער, אז ווען עפעס טוט וויי דארף מען נישט וויינען פורים נאר בעטן דעם אייבערשטן"**

יושע'לע היימליך, תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב ליבערטי, כתה א' - הר"ר הערשל שניצלער שליט"א

בס"ד

# קול ברסלב האטליין אפדעיטס, דינסטאג תצוה - מאנטאג כי תשא תשפ"א

דרוקט (1) פאר אידיש, און דערנאך:

## 0 אפדעיטס און נייעס

## 1 חיזוק יומי • נייע שיעורים

◀ 1 חיזוק יומי פון ראש ישיבה שליט"א

- אז די בוים קען וואקסן, קען איך אויך וואקסן
- ער מאכט ווייטער די פיאות... אבער אינעווייניג וויל ער נישט לעבן מער!
- מ'האט אים אזוי דערשראקן אין ישיבה, אז ער קען שוין נישט זאגן קיין גראד ווארט!
- דער איז די טשאטשקע אין די משפחה!ליידער זיין ווייב איז אים איבריג!
- "דו קענסט מיך אויפהערן צו קאלן?" דו לאכסט?! פרויען וויינען!

◀ 2 חיזוק יומי פון מוהרא"ש זי"ע

◀ 3 נייסטע שיעור פאר בחורים

◀ 4 נייסטע שיעור פאר אינגעלייט

◀ 5 נייסטע שיעור אין בבלי

◀ 6 נייעסטע שיעור אין ירושלמי

◀ 7 קאראנע אפטיילונג

◀ 9 ענינא דיומא **פורים אפטיילונג**

◀◀ 7

7 – ויהי בימי אמעריטשקע

8 – דער געטרייער מנהל מיט'ן איבערגעגעבענער מלמד

9 – געבארגט פון רעכל און מעכיל, אלעס אויף עקסעל

10 – דער רייכער סוחר לייגט פאר א ביזנעס דיעל

11 – חתונה פאלעסי

12 – דער חתן מיט זיין טאטע ביים שטריימל סוחר

13 – א נייע סידי

## 2 שיעורים פון ראש ישיבה שליט"א (ביים סוף פון די וועכנטליכע מפתח איז דא ליסטע פון שיעורים פון די פארגאנגענע יארן)

◀ 1 טעגליכע דרשות

◀◀ 7

◀◀◀ 1

102 – דרשה פון זונטאג פרשת כי תשא: סעודת שושן פורים

◀ 2 וועכענטליכע דרשות

◀◀ 6

19 - שיעור פאר אינגעלייט ליל ד' תצוה: שמחת פורים

◀ 3 מועדים וזמנים

◀ 4 חינוך שיעורים

◀ 5 שו"ת און ברייוו

◀ 6 שולחן ערוך

◀ 7 גמרא בבלי

◀◀ 4

93 - פסחים דף צג

94 - פסחים דף צד

95 - פסחים דף צה

96 - פסחים דף צו,ביים סוף: נישט אפלאזן דעם דף גמרא

97 - פסחים דף צז

98 - פסחים דף צח

99 - פסחים דף צט, ביים סוף: איבער יום טוב פסח

100 - פסחים דף ק, ביים סוף: יום טוב פסח

◀ 8 שיעורי נ"ך

◀◀ 5

מיטצוהאלטן די שיעור אין נ"ך, לויט די סדר פון צוויי פרקים ליום, וואו מען האלט יעצט אין ספר מלאכים, קען מען דרוקן נומער 5 און אויסוועלן די קאפיטל וואס מען וויל הערן.

◀ 9 גמרא ירושלמי

- פרישע שיעורים צוגעלייגט

◄ 10 חיזוק קאלס

◄ 11 משנה תורה להרמב״ם

פרישע שיעורים צוגעלייגט

## 3 שיעורים פון מוהרא״ש זי״ע

◄ 1 בראשית

◄ 2 שמות

◄ 3 ויקרא

◄ 4 במדבר

◄ 5 דברים

◄ 6 מועדים וזמנים

◄ 7 פארשידענע דרשות

◄ 8 ליקוטי מוהר״ן

◄ 9 שמועסן פון פריערדיגע יארן

## 4 מלמדים שטיבל • אנדערע שיעורים

◄ 1 שיעורים פון הרב יצחק לעזער שליט״א

◄ 2 מלמדים שטיבל • שיעורי חינוך • אינטערוויוס

◄◄ 1 מלמדים שטיבל

- פרישע שמועסן
- א שיינע שמועס צווישן צוויי מלמדים, ווי אזוי זיך צוצוגרייטן מיט די קינדער אויפ'ן יום טוב פסח

◀◀ ② חינוך שמועסן פון די גמרא שיעורים פון ר"י

◀◀ ③ חינוך שיעורים פון ראש ישיבה שליט"א

◀◀ ④ חינוך שיעורים אין ת"ת היכל הקודש וומ"ס

◀◀ ⑤ אינטערוויוס מיט מלמדים און מחנכים

## 5 היכל נגינה

◀ 0 אלע ניגונים שאפל רענדאם

◀ 1 ווארימע ניגונים

◀ 2 גראמען

◀ 3 לעבעדיגע ניגונים

◀ 4 נוסח

◀ 5 סינגלס

◀ 6 ניגונים אן מוזיק לימי הספירה

## 6 שיעורים מיטצוזאגן

◀ 1 משניות

◀ 2 תהילים • תיקון הכללי • תפילת הדרך • פרשת המן

◀ 3 חומש

◀ 4 **ב**בלי, **י**רושלמי, **ת**וספתא **נצחי**

◀ 5 ליקוטי מוהר"ן

## 7 פאמיליע ווינקל

◀ 1 מעשיות פון תפלה

- פרישע שמועסן

◀ 2 סיפורי מעשיות

◀ 3 סיפורי צדיקים

◀ 4 הפצה בליצן

- פרישע שמועסן

◀ 5 אינטערוויוס

110 - א שמועס מיט ר' יענקי פיש, ווי אזוי גייט מען ארויס פון תפיסה? און נאך אינטערעסאנטע זאכן

◀ 6 15 מינוטיגע לאנטש ברעיק שמועסן

◀ 7 שיחות חברים

- פרישע שמועסן

## 9 נדבות • אנווייזונגען • הוקאפ • מערכת

◀ 1 נדבות

## ◄ 2 אנווייזונגען וויאזוי צו נוצן דעם האטליין

## ◄ 3 וויאזוי צו באקומען די חיזוק יומי און די שיעורים

## ◄ 4 די טעלעפאן נומערן פון קול ברסלב אין אנדערע לענדער

## ◄ 5 לייוו הוקאפ

## ◄ 9 צו לאזן א מעסעדזש פאר'ן מערכת

### שיעורים און דרשות פון דער ראש ישיבה שליט״א פון די פארגאנגענע יארן

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און דערנאך 1 פאר טעגליכע דרשות~

1, 26: ה׳ כי תשא תשס״ט – פרשת פרה

2, 36: ה׳ תשא תשע״ו - וואס מיינט דער שבת פאר מיר?
2, 37: א׳ ויקהל תשע״ו – זיי א געבער און נישט קיין נעמער
2, 38: ג׳ ויקהל תשע״ו – מען קען האבן א גוט לעבן
2, 39: ה׳ ויקהל תשע״ו – דו טויגסט יא
2, 40: א׳ פקודי תשע״ו – הכרת הטוב
2, 41: ב׳ פקודי תשע״ו – דער שידוך וועט ווערן
2, 42: ג׳ פקודי תשע״ו – דו ביזט נישט פארבלאנזשעט
2, 43: ה׳ פקודי תשע״ו – שבת קודש

3, 72: ג׳ תשא תשע״ז - ביסט נישט בעל הבית
3, 73: ד׳ תשא תשע״ז - איבערגייעכצער
3, 74: ה׳ תשא תשע״ז - א שיינע לעבן
3, 75: א׳ ויקהל-פקודי תשע״ז – געב זיך אליין אן עצה
3, 76: ב׳ ויקהל-פקודי תשע״ז – צעברעך נישט קיין משפחות
3, 77: ג׳ ויקהל-פקודי תשע״ז – א טיש אדער א פאס
3, 78: ד׳ ויקהל פקודי תשע״ז – וועלכע סארט שידוך זוכסטו?
3, 79: ה׳ ויקהל פקודי תשע״ז – קוק נישט צוריק

*4, 80: ב׳ תשא תשע״ח - שלום מאכן פורים
*4, 81: ג׳ תשא תשע״ח - ס׳איז פורים אויף דער וועלט
4, 82: ב׳ ויקהל-פקודי תשע״ח – התבודדות
4, 83: ג׳ ויקהל-פקודי תשע״ח – נישט איבערציען דעם שטריקל
4, 84: ד׳ ויקהל-פקודי תשע״ח – טו אן תפילין
***4, 85: ה׳ ויקהל-פקודי תשע״ח – לטהר טמאים לטמא טהורים**

5, 85: א׳ תשא תשע״ט - פאר׳תמ׳ט

5, 86: ב' תשא תשע"ט - תמימות ופשיטות
5, 87: ג' תשא תשע"ט - אזוי נידריג געפאלן
5, 88: ג' תשא תשע"ט בקרית יואל - זיך טיילן מיט יענעם
5, 89: ד' תשא תשע"ט - נערוון
5, 90: ה' תשא תשע"ט - מאך שוין אפ
5, 94: ה' תשא תשע"ט - סיום מס' ברכות הילד שמעון ראטה נרו יאיר
**5*, 99: ד' ויקרא תשע"ט - תמחה את זכר עמלק**
**5*, 100: ה' ויקרא תשע"ט - פרייליך נאר מיט אמונה**
**5*, 101: ב' צו תשע"ט - א פרייליכן פורים**
**5*, 102: מוצאי שבת קודש צו תשע"ט - סעודת שושן פורים**
5, 91: א' ויקהל תשע"ט – וואס איז נאך די חתונה?
5, 92: ג' ויקהל תשע"ט – א פיינע מקוה
5, 93: ה' ויקהל תשע"ט – סיום משניות, הבחור אברהמי אלטמאן
5, 95: א' פקודי תשע"ט – שפיי נישט צוריק
5, 96: ד' פקודי תשע"ט – איך וויל זיין פרייליך

6, 91: א' תשא תש"פ בקרית ברסלב, ליבערטי - סיום מסכת ברכות
**6*, 93: שושן פורים תש"פ**
6, 94: ה' תשא תש"פ – קאראנע ווירוס
6, 95: א' ויקהל-פקודי תש"פ – דער פחד פון קאראנע
6, 96: ב' ויקהל-פקודי תש"פ – די עצה אויף קאראנע
6, 97: ה' ויקהל-פקודי תש"פ – בלייב אינדערהיים

**שיעורים פאר אינגעלייט:**

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און דערנאך 2 פאר וועכנטליכע דרשות~

2, 14: ב' ויקהל-פקודי תשע"ז – א שיינע וועג אין לעבן

**3*, 18: ב' תשא תשע"ח - וואו איז פרייליך פורים?**
3, 19: ד' ויקהל פקודי תשע"ח – געדולד צו קינדער

**4*, 20: ה' ויקרא תשע"ט - שבת זכור**
4, 17: ה' תשא תשע"ט - שלום צווישן אידן
4, 18: ה' ויקהל תשע"ט – אביסל איז אויך גוט
4, 19: ה' פקודי תשע"ט – לייג צו א פינגער

5, 20: ה' ויקהל-פקודי תש"פ – גענוג געווען מיט קאראנע